STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01699

TSEZEYEYT UN TSESHPREYT

Sholem Aleichem

Permanent preservation of this book was made possible
by Joseph Masteroff
in memory of
Louis P. Masteroff

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פֿערלאַג „בּיכער-פֿאַר-אַלע" ווארשא.

צעזעיט און צעשפּרייט

בּילדער פֿונ'ם יודישען לעבּען

אין דריי אַקטען

פֿון

שָׁלוֹם-עֲלֵיכֶם.

דרוק ש. בעלכאטאווסקי פיעטרקוב. תרס"ו

ЦЭЗЕЙТЪ УНI ЦЭШПРЕЙТЪ

т. е.

„ВЪ РАЗБРОДЪ"

Картина изъ еврейской жизни въ 3-хъ дѣйствiяхъ,

Соч. ШАЛОМЪ-АЛЭЙХЭМ'А

Типографiя Ш. Белхатовскаго. Петроковъ. 1906.

צו דער צווייטער אויפלאגע:

מיט איינינע יאהר צוריק האט זיך געדרוקט פון מיר א פע־ליעטאן אין די „יודישע פאלקס צייטונג" אונטער דעם נאמען „צעזעיט אונ צעשפרייט", בילדער פונים יודישען לעבען. הגם די דאזיגע בילדער זענען געשריבען אין א דראמאטישע פארם, דאך האט זיך מיר אפילו ניט געחלומט אז איך וועל אמאל זוכה זיין צו זעהען זיי אויפגעפיהרט אויף דער סצענע.

אין עטליכע יאהר ארום האט מען די פיעסע איבערזעצט אין דער פאלנישער שפראך אונ מע האט זי געשפיעלט אין פאלנישען טהעאטער אין ווארשא. אמת, דאס פובליקום האט אויפגענומען די פיעסע אונ דעם מחבר פון דער פיעסע זעהר ראשענד, די גאלעריע האט געפאטשט „בראוואָ" ווי נע־וויינטליך, נאר וואס מעהר דער עולם האט געגוואלדעוועט, זא מעהר האט דאס דעם מחבר פערדראסען: ער האט געפיהלט, אז דער פיעסע פעהלט א סך מעהר וויפיל זי פארמאגט; ער האט געפיהלט, אז אויף דער ביהנע ווערד געשפיעלט א פעליעטאן, נישט קיין דראמא. דאס וואס איך האב דעמאלט געליטען קאן מען באמת אנרופען „חבוט הקבר". „קיינער ווייסט ניט — זאגט מען — וועמען דער שוך קוועטשט." איך בין געוועזען דענסמאל אויב נישט דער איינציגער וואס האט אויסגעפייפט דעם מחבר פון דער פיעסע.

איצט, ביי דער צווייטער אויפלאגע צום אויפפיהרען זי אויף דער יודישער ביהנע, האב איך זי גענומען צום אויסבעסערען. דאס „אויסבעסערען" האט מיך אבער אזוי ווייט פארשלעפט, אז איך האב כמעט אנגעשריבען א גאנץ נייע פיעסע, כמעט נאר איבערגעלאזט דעם הויפטגעדאנק, די נעמען פון די פארשוינען אונ א צוויי—דריי סצענעס אומגעענדערט. איך האב געוואלט אז מיין ערשטע פיעסע אויף דער יודישער ביהנע זאל האבען כאטש א שטיקעל פנים פון א פיעסע, אזוי אז אויב די גאלעריע וועט זיך ניט קאנען איינהאלטען אונ וועט אמאל ווערען „פאטשען בראוואָ", זאל זי ניט פאטשען אומזיסט... „יונגע דראמאטורגען — זאגט טשעכאוו — בעדארף מען ווינציגער אפלאדירען אונ מעהר אויספייפען," גאלדענע ווערטער!...

קיעוו מאי 1903.

די פּאַרשוינען׃

מֵאִיר שַׁאלַאנט אַ יוד אַ סוֹחֵר, אַיין אויפגעקומענער גְבִיר, אַ פּראָס־טער חַי וְקַיָם, שנײַדט זיך אויף אַנ׳אַריסטאָקראַט.

מַלְכָּה — זײַן ווײַב, אַ יודענע אַיין ערליכע, אַ כָּשֵׁר׳ע נְשָׁמָה.

מַאטְוֵויי — זײַער עלטערער זוהן, אַ „פּראַנט.”

פְּלַארַא — זײַער עלטערע טאָכטער. אַ גְרוּשָׁה „פֶּען-דע-סיעקל”.

חַנָה — זײַער יינגערע טאָכטער. געשאָרענע האָר. רײַסט זיך אויף די קורסען.

חַיִים — זײַער יינגערער זוהן. אַ ציוֹניסט.

וַואלָאדִי — זײַער דריטער זוהן אַ „חֶבְרָה׳מַאן”

סַאשְׁקֶע — זײַער מיזיניקעל. אַ צעבאַלעוועט בַר מִצְוָה בָּחוּר׳ל,

משה׳לע זײַדענ־שטאַמער — שאַלאַנטס מחותן. אַיין אָפּגעפּוצט יודיל. אַיינגעטונקען אין יחוס.

אִיטֶעלִי — זײַן ווײַב. טראָגט פּעריל אין דערוואַכען.

אַראָנטשיק — זײַער זוהן, חַנה׳ס חָתָן, אַ „סטאַטעטשנע” בָּחוּר.

פֶּעסִיל — אַיין אָרעמע קרובה מַלְכָּה׳ס, אַ ווײַבעל מיט אַ פּעטשײַלע.

דַאווידקע — מאַטוויי׳ס אַ חָבֵר, אַ קאָרטענשפּילער.

בֶּענִי — אַ יוד מיט אַ זאָנטיק, האַלב מעקלער, האַלב שַׁדְכָן.

מַאשע — אַ שטובמײַדיל בײַ די שאַלאַנט׳ס.

בָּחוּרִים מיט שוואַרצע העמדליך. מײַדליך מיט רויטע בלוזקעס און גלאַט פּאַרשוינען. —

די געשיכטע קומט פאָר אין אַ גרויסע שְׁטָאדְט.

* * *

ערשטער אקט.

(בײ א גרויסען, רײך־געדעקטען טיש זיצט מ א י ר ש א ל א נ ט אין א האלאט, פארטיעפט אין חשבונות. — מלכה איז בעשעפטיגט בײם סאמאװאר, טראגט אונטער איטליכען טײ. — פ ל א ר א, איין אנגעפודערטע מיט ברײטע צעשניטענע ארבעל זיצט אין א װיגשטוהל, װיגט זיך און זינגט שטילערהייד. — חנה פערטיעפט אין א ביכעל, לייענט. — מ א ט ו י י א צעקאשמעטער, פייפט אינטער שטילערהייד. —)

ערשטע סצענע.

מלכה. (אויף רוסיש) שאשע! שאשענקע!

סאשקע. (פונ'ם אנדערען חדר, אויף רוססיש) וואס איז, מאמאשא?

מלכה. וואס טהוסט דו דארטען?

סאשקע. איך וואש די קאץ. וואס איז דענן?

מלכה. געה טרינקען טײ! (מאטוויי און פלארע לאכען).

חנה. (צו דער מוטער) אנדערש קאנסט דו טאקי מיט איהם ניט רײדען, נאר אויף רוססיש?

מלכה. ווי אזוי דען זאל איך רײדען, אז איהר רעדט אלע אזוי? איך וואלט אדאי געוואלט בעסער רײדען אויף יודיש, אויף מאמע־לשון, נאר וואס זאל איך טהון, אז איהר אלע, און אפילו אט דער אלטער נארר (זי בעווייזט אויף מאיר'ן), האט

זיך אָנגעגעדט מע זאָל אַרויסטרײַבען אונזער הײליגען לָשׁוֹן. און װער שמועסט פֿון זינט מיר זענען אַריבערגעפֿאָהרען אַהער אין דער דאָזיגער פֿאַרשאָלטענער שטאָדט! װאָס אֶפְשַׁר ניט אַזױ, מֵאִיר?

מֵאִיר. װאָס ניט אַזױ? אַז דו ביזט אַ בְּהֵמָה? מאַטװיי און פֿלאָרע לאַכען.

מַלְכָּה. לאַכט, לאַכט! דאָס עֶפּעלע פֿאַלט ניט װײַט פֿונ'ם בוימעלע.

„יאַקי טאַטקאָ, טאַקי דזיעצקאָ"...

מֵאִיר. שוין? האָסט שוין אָנגעהויבען מיט דײַן מוּסָר, מיט'ן טײַטש־חוּמָשׁ און מיט'ן פּעטשעניע־װאַרעניע? מאַטװיי און פֿלאָרע לאַכען) װאו איז חַיִים? װאו איז װאָלאָדי? (קוקט זיך אַרום) פֿאַר װאָס זעהט מען זײ ניט.

מַלְכָּה. שלאָפֿען נאָך מן הַסְתָּם.

מֵאִיר. אַזױ שפּעט? טאָמער װאָלט מען זײ אויפֿגעװעקט טרינקען טײ?

מַלְכָּה. אַ רַחֲמָנוּת, זײ האָבען זיך שפּעט געלײגט שלאָפֿען.

מֵאִיר. (קוקט אין די פּאַפּירען) געלערענט?

מאַטװיי. פֿאַרשטעהט זיך! װי דען? מיר דאַכט אַז זײ זענען ביידע געקומען אַהײם מיט'ן טאָגליך.

פלאָראַ. מיט'ן טאָגליך? געװען אין גרויסער טאָג.

מֵאִיר. (צו מַלְכָּה'ן) װאָס הײסט דאָס? װאו איז מען דאָס געװען? װאָהין געהט מען דאָס אַרום גאַנצע נעכט? װאָס פֿאַר אַרומגעהעכטסען בײַ נאַכט?

מַלְכָּה. װײס איך װאָס קינדער פּלאַפּלען!

מאַטװיי. מאַמאַשע! װאָס דאַרפֿסט דו זײ פֿאַרענפֿערען? זײ זענען געװען אויף אַ „זאַסעדאַניע", װאָס איז דער אומגליק.

מֵאִיר. װאָס פֿאַר זאַסעדאַניעס גאָר?

פלאָראַ. שפּילסט זיך מיט זײ? יענע קעהרען װעלטען!

מאַטװיי. מע ברענט די באַד!

חַנָה. (נישט צוגענומען די אויגען פֿונ'ם בוך). אַלץ בעסער װי שפּילען גאַנצע נעכט אין קאָרטען.

פלאָראַ. (צו מאַטווייען) דאָס איז שוין אין דיין גאָרטען אריין, מאַטוויי...

מאַטוויי. „לאַנגע האָר, זאָגט מען, קורצער שֵׂכֶל”,— ביי איהר איז ביידע זאַכען: אי קורצע האָר, אי קורצער שֵׂכֶל.

חַנָה. אי פלאַטציג, אי אָהן טַעַם.

מאַטוויי. (ציהט אויס אַ לאַנגען פייף) פִי־יוּ־יִט!

מֵאִיר. (הויבט אויף דעם קאָפּ) ווער פייפט עס? וואָס פאַר אַ פייפעריי?

מַלְכָּה. (צו די קינדער מיט אַ געבעט) לאָז זיין שטיל, איך בעט אייך!

(עס קימט אָן חַיִים. טהוט אַ קוש דעם פאָטער. גיט חַנָה'ן די האַנד. מַלְכָּה טראָגט איהם אונטער טיי).

צְווייטע סְצֶענֶע.

מֵאִיר. וואו ביזט דו דאָס געוועזען, חַיִים? וואָס פאַר זאַסעדאַניעס ביי דיר?

חַיִים. פון ציוניסטען.

מַאטְוויי. פון אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל־יודען.

מֵאִיר. (איראָניש) וואָס זשע איז געבליבען דאָרטען ביי אייך אויף דער אֲסִיפָה?

מַאטְוויי. מען זאָל אַריבערפּעקלען אַלע יודען קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

חַיִים. ניט אַלע... די יודען, וואָס זיי געפעלט ניט אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, קאָנען בלייבען דאָ.

מאַטוויי. עס געהט זיי אָפּ צום רומעל נאָר אַ ווייס פערדיל,

(פלאָרע לאַכט נערוויז. עס קומט אָן וולאָדי, מיט אַ פעקיל ביכער, טהוט אַקוש דעם פאָטער, קוועטשט חַיִים'ן און חַנָה'ן די האַנד. מַלְכָּה טראָגט איהם אונטער טיי).

דְרִיטֶע סְצֶענֶע.

וואלאָדי. וואָס איז דאָ אַזוי פריילך?

חיים. וואָס פעהלט זיי?

מאיר. (צו וואַלאָדין גישט אויפגעהויבען די אויגען) נו, און דו וואַלאָדקי? וואָהין ווילסט דו אַריבערפיהרען די יודען? אויף קיין ארץ ישראל ציַ אפשר גאָר קיין מצרים?

וואַלאָדי. וואָס דאַרף מען קיין מצרים? מע קאָן ניט זיין קיין שקלאַפען דאָ?

מאַטוויי. פאַפאַ! דאָס מיינט מען אונז און דיך אויך בתוכם...

מאיר. (צו וואַלאָדין אין גוטען מוט'ה) מיט אַ טאַטען רעדסט דו אַ זעלבע ווערטער, דו שייגאַץ איינער?

וואַלאָדי. וואָסערע ווערטער? (מאַטוויי פייפט, און פלאָרע לאַכט).

מאיר. (שטרענג) וואָס פאַר אַפייפעריי? וואָס פאַר אַ געלעכטער?

מלכה. (לויפט צו) אָבער לאָז זיין שטיל! קינדער, לאָז זיין שטיל, קינדער, לאָז זיין שטיל, איך בעט אייך! (עס קומט אָן סאַשקע מיט צוויי קעצלעך אינטער ביידע הענד. ער קושט פריהער דעם פאָטער, נאָכדעם די מוטער. — מלכה באַזעצט איהם, דרעהט זיך אַרום איהם, גיט איהם טיי. ער האָדעוועט די קעץ מיט מילך).

פיערטע סצענע.

מאַטוויי. אַהאַ! ער איז שוין דאָ מיט דער משפחה!

פלאָרע. סאַשקע מיט די קעץ!

סאַשקע. (קוקט ניט אויף קיינעם) פאַר וואָס קויפט מען מיר ניט קיין וועלאָסיפעד?

מלכה. (לויפט צו צו איהם) לאָז זיין שטיל, סאַשענקע! וואָס טויג דיר זיך האַלטען מיט אַזאַ מאוסקייט? וואַרף זיי אַרויס! שאַדט צום זכרון! אַ שרץ!

סאַשקע. (הערט זי ניט) פאַר וואָס קויפט מען מיר ניט קיין וועלאָסיפעד? (הויך) קיין וועלאָסיפעד פאַר וואָס קויפט מען מיר ניט?! אַלע לאַבען חוץ מלכה'ן.

מאיר (רייסט זיך אפ פון די פאפירען) הא? וואס האט ער געזאגט? וואס זאל מען איהם קויפען?

מלכה. וויים איך וואס א קינד פלאפעלט!... א לעסיפעד האסט דו צוגעזאגט איהם קויפען, וואס?

מאיר. וואסערע לעסיפעדען! וואסערע פלאמען! אזא קליינער וועווריק ווי דו דארפסט נאך לערנען, ניט ארומפאהרען אויף לעסיפעדען אונ שפיעלען זיך מיט אזא פאסקודסטווע! (ווארפט אראפ די קעץ; סאשקע הויבט זיי אויף איין מאל אונ צוויי מאל אונ דריי מאל. אלע לאכען חוץ מלכה'ן). וואו זענען דיינע לעהרערס וואו?

סאשקע. לעהרערס? הא חא הא! געוועןן איינער א לעהרער, איז ער אויך ניטא.

מאיר. וואס הייסט איינער א לעהרער? נו, אונ דער מלמד, וואו איז דער רבי?

סאשקע. וואסער מלמד? וואסער רבי? שוין לאנג דורכגעטריבען?

מאיר. (איבערראשט) הא? וואס? דורכגעטריבען? ווער האט איהם דורכגעטריבען? ווער האט דאס געהאט א העזה ארויסטרייבען א מלמד אהן מיר? (קלאפט מיט די הענד אין טיש). איך בין דא בעל הבית צי ניין? וואס שוויגט איהר? ווער איז דא בעל־הבית? (ער געהט אריין וואס ווייטער אין אלץ מעהר כעס, ווארפט די קעץ פונ'ם טיש; סאשקע וויל זיי אויפהויבען, דער פאטער טרייבט איהם דורך). געה דיר דו פידסווינעק איינער מיט דער פאסקודסטווע! (סאשקע מיט די קעץ געהט אוועק, טורקעט אונטער דער נאז: א פארשאלטענע שטוב")...

פינפטע סצענע.

מאטוויי. (ציהט אויס אלאנגען פייף) פי־יו־יט!

פלארע. (שטיקט זיך שטילערהייד). חי־חי־חי!

חַיִים. (צו וואלאָדין) אַ זעלטען בָחור'ל!

חַנָה. זעלטענע ערציהונג!

וואַלאָדי. (דעקלאַמירט) „וואָט זלאָנראַוויאַ דאָסטאָינאַ פלאָדי...

(אַפּאָר מינוט הערשט אַ שטילשווייגעניש).

חַיִים. (צו וואַלאָדין) ווען מאַכען מיר אַ דיסקוסיע?

וואַלאָדי. נישטאָ דערווייל קיין פּלאַץ... (צו חַנָה'ן) נעמסט אַנ־אַנטייל אין אונזערע דעבאַטען?

חַנָה. מיט פערגניגען. ווען וועט דאָס זיין?

פלאָרע. וואָס? אַ ספּעקטאַקל?

חַיִים. (צו וואָלאָדין). וואָס חלומט זיך אַ הוהן?

חַנָה. פּראָסע.

פלאָרע. (צו מאַטווייען) וואָס זאָגסט דו אויף אונזער קורסיסטקע? זי מיינט אַז ווי באַלד מע שערט זיך אונטער די האָר, אַזוי נעמט שוין צו אויף די קורסען...

מֵאִיר. האַ? קורסען? וואָס פאַר קורסען?

מַלְכָּה. ווייס איך וואָס קינדער פּלאַפּלען.

מאַטוויי. זי פאַרגעסט, אַז דערווייל איז זי אַ יודישע טאָכטער, דאָס הייסט אַ „זשידאָווקע מיט אַנ'אַטעסטאַט”.

חַיִים. אַלץ שענער ווי וואַלגערען זיך אין אַלע קלובען.

וואַלאָדי. און שפּיעלען אין קאָרטען.

מֵאִיר. וואָס פאַר קלובען. וואָס פאַר קאָרטען?

מַלְכָּה. ווייס איך וואָס קינדער פּלאַפּלען (צו די קינדער) איך בעט אייך, לאָז זיין שטיל! עס ווערד אויף אַ ווילע שטיל. יונגוואַרג רעדען צווישען זיך שטילערהייד.

מֵאִיר. (שטעהט אויף פון'ם טיש) ווער וועט מיר אָנשרייבען עפּיס אַ רעכטען בריעף צום פּריץ, צום גראַף מיין איך?... ער שרייבט מיר, דער גראַף, אַז מעדינגט ביי איהם וואַלד, מעגיט איהם, זאָגט ער, אַ־נ־אייזערנעם פּרייז... ער מיינט איך ווייס

ניִט, וואָס עֶר מֵיינט! ... עֶס ציִהט איִהם שוין אַהִין, קֵיין „מאָנטעקאַדעֶל" ציִהט עֶס איִהם! אַ קעֶרטעֶלעֶ! ... בּעֶדאַרף עֶר האָבּעֶן געֶלד ... בּלאָטעֶ! איִך ווִעל ניִשט דעֶרלאָזעֶן מעֶ זאָל האַקעֶן דעֶם וואַלד, מאַכעֶן איִהם אַ תֵל פוּן דעֶר איִמעֶניעֶ אָבּעֶר גאָר לאָ! ... (געהט צו צו אַ שרייבטישעל. וואָס ביי דער זייט) מעֶ בּעֶדאַרף איִהם אַוועֶק שרַייבּעֶן אַזאַ בּריִוועֶל סְזאָל איִהם נעֶמעֶן! ... נוּ, קיִנדעֶר! ווְעֶר שרַייבּט?

מַאטוֵויי. איִך האָבּ גאָר פאַרגעֶסעֶן, אַז כ׳האָבּ הַיינט קֵיין צֵייט ניִט (הייבט זיך אויף אוּנ געהט אַוועק.)

פלָארַא. איִך ווִעל מיִך הַיינט אַמאָל אָנטה׳ן צוּ נֵיין? (הויבט זיך אויף אוּנ געהט אוועק.)

מֵאיִר. נוּ?

חַייִם. (צו וואָלאָדין) נוּ? וועֶסט אֶפְשֶׁר שרַייבּעֶן?

וַואלָאדִי. (צו חיים׳ן) פאַר וואָס ניִט דוּ?

מֵאיִר. נוּ?

חַנָה. (געהט צו צום טישעל) אָט ווִעל איִך. (נעהמט זיך צו דער פען).

מֵאיִר. שעֶמעֶן מעֶגט איִהר זיִך! מֵילָא יעֶנעֶ צווֵיי עֶלטעֶרעֶ האָבּעֶן זיִך אָבּגעֶטראָגעֶן, איִז האָטש דעֶר פאַרדראָס ניִט אַזוי גרויס: סאיִז פאַר זֵיי אַ סוֹד, זֵיי קעֶנעֶן נאָכאַך ניִשט ... אָבּעֶר איִהר, יְמַחשְׁמוֹנִיקֶעס? איִהר יָכוֹלט דאָך יאָ! קאַרג קאָסט אַיִהר מיִך אָפּ? ... אַ וואויל קיִנד איִז טאַקי חַנָה׳לעֶ ... (צו חנה׳ן) שרַייבּ! .. (שטעלט זיך אַוועק אין אַ פאַרטראַכטע פאָזע, דיקטירט.) שרַייבּ איִהם אַזוי: „יעֶוואָ סיאַטעֶלסטוואָ יאַסנאָוועֶלמאָזנעֶמוּ פאַנוּ חְרַבּיאָ" ... שוין?

חַנָה. שוין.

מֵאיִר. (מיט די הענד) „רֵאשִׁית חָכְמָה קוּם איִך דיִר, יאַסנאָוועֶל־מאָזשנעֶ פאַן חְראַבּיאָ, צוּ מעֶלדעֶן ... נֵיין! עֶרניִדעֶריִגסט צוּ מעֶלדעֶן מַיין איִבּעֶרגעֶבּעֶנהַייט ... נֵיין! מַיין אַלעֶרטיִעפסט־איִבּעֶרגעֶבּעֶנהַייט" ... שוין?

חַנָה. שוין.

מֵאִיר. „מיין אַלערטיעפסט איבערגעבענהייט און געטרייַשאַפט..
נײן! מיין שטענדיג געטרייַשאַפט צו דיר, יאַסנאָוועלמאָזשנע
פאַן חראַביאָ, און צו דיין הויזגעזונד... נײן! צו דיין יאַסנאָ־
וועלמאָזשנע הויזגעזינד”...

חַיִים. (הויך) איך פערשטעה ניט, צו וואָס זאָל אַ יוד זיך מאַכען
אַזוי נידעריג פאַר אַ פּריץ?

וואַלאַדי. וואָס עפּעס אַ יוד? און גלאַט אַ מענש פאַר אַ מענשען?

מֵאִיר. (אויפגעהויבען דעם קאָפּ) האַ? שרייבען קען איך ניט, — מע
האָט מיך ניט געלערענט. נאָר וואָס און ווי אַזוי צו שרייַ־
בען צו אַ פּריץ — דאָס בעדאַרף איך מיך ביי אייך ניט
לערנען. איך וועל מיך נאָך אויסגלייַכען מיט אַלע אייַערע
קענערס דאָרטען, און אפשר נאָך מיט אַ סמיטשיק. צי איהר
מיינט טאַקי, אַז ווי באַלד איך קען ניט קיין געאָגראַפיע, אַזוי
בין איך שוין גאָר אַ בהמה און פאַרשטעה שוין גאָר ניט?

חַיִים. ווער זאָגט דען? מע שמועסט נאָר פון דעם, לְמַאי זאָל אַ יוד
אַזוי אָנבויגען דעם קאָפּ פאַר אַ פּריץ היינטיגע צייַטען?

וואַלאַדי. וואָס עפּעס אַ יוד? יעדער מענש בעדאַרף זיך האַלטען
מענשענגלייַך. אַ מענש בעדאַרף קודם־כל אַכטען זיך אַליין,
אַליין קוקען אויף זיך ווי אויף אַ מענשען.

מֵאִיר. גוט, גוט. דער גראַף קען מיך ברוך השם נישט דאָס ערשט
יאָהר, און חאָטש איך האָב אין די „גימענאַזיעס” ניט געלע־
רענט, וועט ער פון דעסטוועגן אַוועק געבען פאַר מיר דרייַ
הונדערט פאַר פייַנעבֿריות אַזעלכע ווי איהר. וואָרום ער ווייסט
פאַרשטעהט איהר מיך, אַז איך בין איהם געטרייַה און איבער־
געגעבען וויא אַ הונט...

חַיִים און וואַלאַדי. (ביידע מיט אַ מאָל) אָט אָט, אָט דאָס מיינט
מען טאַקי, אָט דאָס וואָרט „הונט” איז איבעריג.

מֵאִיר. (אויפגערעגט) ווילט איהר מיך לערנען שכל הייסט עס? די

נאָז שנייצט אוים, יוגגע צוּעֶצְקְעֶם איהר זייט! (שרייט אַלע מאָל העכער). וואס פאַר אַ חֲצָפָה האט איהר דאם גאָר אַזוי צו רעדען מיט אַ טאטען, הא? וואס שווייגט איהר?!...

מַלְכָּה. (לויפט אונטער אין אימפעט) אָבער גענוג! אָבער לאָז זיין שטיל אין גאָטעס ווילען, מֵאִיר! (שיקט אַרויס חַיִּים׳ן און וואָלאָדין. — נעמט צו די פּען ביי חַנָּה׳ן. —) נו גענוג. לאָז איבער אויף שפּעטער. מע וועט שוין שפּעטער שרייבען. (חַנָּה געהט אָפּ, מֵאִיר און מַלְכָּה בלייבען אַליין).

זֶעכְסְטֶע סְצֶענֶע.

מֵאִיר. (שפּאַנט אַרום איבערען שטוב). נו, אַ שטוב! נו, קינדער!

מַלְכָּה. דיין שטוב, דיינע קינדער...

מֵאִיר. און דיין הַשְׁגָּחָה.

מַלְכָּה. נישט דו האסט דאם בעדאַרפט זאָגען!

מֵאִיר. און דו וואָלסט בעסער שווייגען.

מַלְכָּה. שווייגען? איך האָב שוין גענוג געשוויגען. איינגעמידט זיך שווייגענדיג. צייט כ׳זאל שוין עפּיס רעדען. איהר לאָזט מיך דענן אויסרעדען אַ וואָרט? איך האָב דענן אויך עפּעס אַ דֵעָה? און ווער איז שולדיג, אַז ניט אַט די שטאָדט מיט דער שטוב מיט דעם נייעם שניט? נישט געווען קיין געלד, איז ניט געווען קיין טאַרעראַם. מיט קיין האַרמידער, מיט קיין פוסטעקראַטישע געגג, נישט געווען די גרויסע שטאָדט, האָב איך נישט געוואוסט פון קיין שפּיגלען, מיט קיין פּאָטעלען, מיט קיין צאצקעס, מיט קיין טאַפּשטשאַנעס מיט קיין לעסיפּעדען...

מֵאִיר. ווער האט דאס אויסגעטראַכט אַז ניט דו, צוליבען טייערען מיזיניקעל?

מַלְכָּה. (אַ פליעסק מיט די הענד) אוי, איך וועל מיר נאָר אַ מַעֲשֶׂה

אָנטהון! אִיךְ האָב אויסגעטראַכט? אִיךְ? דו האָסט שוין אַ פָּנִים פֿאַרגעסען, מֵאִיר, אַז דו בִּיזט געקומען צו פֿאָהרען אַנומעלטען פֿונ'ם גראַף, האָסט דו אַליין געזאָגט, אַז דו ווּעסט אִיהם קויפֿען אַ לעסיפֿעד. אִיךְ ווייס? אִיךְ זאָל דאַכט מִיר לעבען דרייהונדערט יאָהר, וואָלט אִיךְ מִיךְ בעגאַנגען אָהן דעם! אַדְרַבָּה, אִיךְ האָב געזאָגט מעדאַרף נִיט, אִיךְ האָב גאָר מוֹרָא געהאַט דאָס קִינד זאָל זִיךְ סַךְ הַכֹּל נִיט אויסברעכען אַ האַנד אָדער אַ פֿוּס, האָט מען נאָךְ געמאַכט פֿון מִיר דאָס גרעסטע געלעכטער!

מֵאִיר. פֿאַרשטעהט זִיךְ מע האָט געלאַכט, בִּיזט אַ געשלייערטע האַנדזִי לאַכט מען!

מַלְכָּה. און דו בִּיזט דאָךְ דער גרויסער חָכָם מיט'ן גרויסען פוסטע־קראַט! זִינט מִיר האָבען באַקומען געלד און אַרויסגעפֿאָהרען אִין דער דאָזִיגער שטאָדט זענען מִיר געוואָרען מִיט גאָטס הִילף גאַנצע פוסטעקראַטען!

מֵאִיר. און אַז מִיר זענען נִיט הייַנט געדאַכט געזעסען אִינ'ם פֿאַר־שטונקענעם שטעדטעל און געפֶּגֶרט פֿאַר אַ דרייערִיל אִיז דִיר געווען בעסער? עס לוינט דִיר נִיט אַ פָּנִים, וואָס אִיךְ הייס איצטער „פאַני שאַלאַנט“ און בִּין אַ מְחוּתָּן מִיט מֶשֶׁהלי זיידענ־שטאַמער? צִי נאָךְ דיין שֵׂכֶל קומט אֶפְשָׁר אויס, אַז סאִיז געווען שענער דעמאָלט, אַז אִיךְ האָב געהייסען מֵאִיר „טשאָלענט“ און דִיךְ האָט מען גערופֿען די „טשאָלענטיכע“ — אַיאָ?

מַלְכָּה. אִיךְ זאָל האָבען די בְּרָכוֹת, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! סאִיז מִיר גאָר געווען בעסער, אַז אִיךְ האָב געהייסען „טשאָלענטיכע“ און בִּין מִיר געשטאַנען ביי די פִּיש...

מֵאִיר. ששש!... בְּהֵמָה! דאַרפֿסט אַז די קִינדער זאָלען נאָךְ דערהערען?

מַלְכָּה. אִיז וואָס? לאָזען זיי הערען! אִיךְ דאַרף מִיךְ שעמען

פֿאַר זיי? איך האָבּ עֶפּעס גענֵבֶה׳ט? חָלִילָה צוגענומען פֿרעמדס? איך האָבּ עהרליך, כָּשֵׁר פֿאַרדיענט... הַלְוַאי וואָלטען מיר ניט אַוועקגעוואָרפֿען די אַלטע פַּרְנָסָה, נישט פֿאַרגלוסט קיין גרינגע פֿויגעלעך מיט קיין פּריצים, מיט קיין גראַפֿען, מיט קיין אימיעניעס, אונ ניט אַריבּערגעפֿאָהרען אַהער אין דער דאָזיגער פֿאַרשאָלטענער שטאָדט צווישען הולטייַעס, וואָס מע ווייסט נאָר אויסבּרייַנגען, טרענצלען קערבּליך דער רוּחַ ווייסט אויף וואָס, אויף שפּיגלען מיט טאָפּטשאַנעס מיט „טרעיאַטערעס" מיט גימנאַזיעס מיט סאָבּראַניעס מיט גוליאַניעס — טפֿוּ!

מאיר. (לאַכט) „סאָבּראַניעס-גוליאַנעס"? חאַ-חאַ-חאַ!

מַלְכָּה. לאַכסט? אָך אונ וועה צו דייַן געלעכטער!... איך זאָל האָבּען די טויזענדער וואָס ס׳איז געווען בּעסער דעמאָלט אָהן געלד, ווי אַצינד מיט געלד... ניט געווען קיין געלד, זענען די קינדער געווען קינדער, אַצינד זענען די קינדער קיין קינדער ניט, די מאַמע איז קיין מאַמע ניט. איטליכער געהט וואָהין ער וויל; איינער אין ליסי דער אַנדערער אין סטריסי משטיינסגעזאָגט צעזעייט אונ צעשפּרייט אויף אַלע זיבּען יַמִין!... (וויינט, לאָזט זיך צו דער טהיר, באגעגענט זיך מיט די מחותנים, טוט זיך א נעהם צוריק.)

זיבּעטע סצענע.

מאיר. (שטעהט אויף, געהט זיי אקעגען, רייבט אהאנד אן אהאנד) אַ? בָּרוּךְ הַבָּא, געסט! זיצט, זיצט, מְחוּתָּן! מְחוּתֶּנֶת׳טע, זיצט! מַלְכָּה! הייס געבּען טיי, הייס מאַכען קאַווע, הייס דערלאַנגען עפּעס פֿאַרבּייַסען (מלכה שאפט. עס ווערד אריינגע-טראגען א גרויסע זילבערנע טאץ מיט אלדעסגוטס,) וואָס זשע מאַכט איהר עפּעס, מְחוּתָּן? ווי געהט עס אייך אין געזונד? וואָס מאַכט עפּעס דער חָתָן? פֿאַר וואָס זעהט מען איהם ניט?

זַיידֶענְשְׁטַאמֶער. וואָס זאָלֶען מִיר מַאכֶען ? מֶע לֶעבְּט דאַנק גאָט,

(צעלייגט זיך גאנץ ברייטליך אין א ווייכען פאטעל, [טראגטאונטער א זילבערען פישקעלי מיט טאבעקע צו דער נאז, רעדט הויך , געצעהלטע ווערטער אונ לאזט אוים אלע מאל מיט א לאנגען „אונ יאאאא!!!”ביידע מחותנת׳טעס זעצען זיך אוועק איינס אקעגען דאס אנדערע מיט צונויפגעלייגטע הענד אונ מער רעדט שטילערהייד .)

מֵאִיר . וואָס זשֶׁע הֶערְט זִיךְ עֶפּעֶס בַּיי אײַךְ ? זֶעהְט נעֶהמְט עֶפּעֶס אִין מוֹיל אַרַיין , מְחוּתָּן . מְחוּתֶּנֶס׳טֶע , נעֶהמְט עֶפּעֶס ! מַלְכָּה ! בֶּעט , זַיי זָאלֶען עֶפּעֶס נעֶהמֶען אִין מוֹיל אַרַיין !

מַלְכָּה . נעֶהמְט עֶפּעֶס , פַאר וואָס נעֶהמְט אִיהר עֶפּעֶס נִיט , אִיךְ בֶּעט אײַךְ !

זַיידֶענְשְׁטַאמֶער. ס׳אִיז אַזוֹי דִי מַעֲשֶׂה . געֶגאַנגעֶן פֶעֶרבַּיי , וואָלְט נִישְׁט אַרַיינגעֶגאַנגעֶן , רוּפְט זִיךְ אָן צוּ מִיר זִי : „לאָמִיר אַרַיינגעֶהן” זָאג אִיךְ : „וואָס עֶפּעֶס פלוּצִים אִין מִיטֶען דרִינֶען ?” זָאגְט צוּ מִיר זִי : „וואָס אַרְט דִיךְ ? מִיר זֶענֶען שׁוֹין דאָ , לאָמִיר אַרַיינגעֶהן” זָאג אִיךְ „מֵילָא , לאָמִיר אַרַיינגעֶהן” . . . אוּנ יאָאָאָ ! אִיךְ בִּין , דאַרְפְט אִיהר ווִיסֶען , נִישְׁט קֵיין לִיבְּהאָבֶער אוֹיף געֶהן , מִיר אַלֶע האָבֶען נִישְׁט לִיעֶב געֶהן ; דִי זַיידֶענְשְׁטַאמֶערְס האָבֶען פַיינְט געֶהן ; חאָטְשׁ אַפִילוּ דעֶר דאָקְטאָר האָט מִיר אָנגעֶזאָגְט אִיךְ זָאל דַוְקָא געֶהן אוּנ דַוְקָא אַךְ ! צוּלִיעֶב דעֶר לוּפְט ; וואָרוּם לוּפְט אִיז אַ גרוֹיסֶער עִנְיָן אוּנ יאָאָאָ ! נאָךְ מַיין זֵיידֶע עָלָיו הַשָּׁלוֹם פלֶעגְט זָאגֶען , אַז לוּפְט־־דאָס אִיז אַזאַ מִין זאַךְ , וואָס סַאי אַ מעֶנטְשׁ , סַאי לְהַבְדִיל אַ בְּהֵמָה אָדעֶר אַ חַיָה אָדעֶר אַזוֹי אַ לעֶבֶּעדִיגֶע זַאךְ קאָן זִיךְ אָהן דעֶם נִישְׁט בַּאגעֶהן , מַחְמַת לוּפְט אִיז אַזאַ מִין זַאךְ , וואָס , וואָס . . . פַארשְׁטעֶהְט אִיהר מִיךְ , נאָךְ דעֶר רַמְבַּ״ם בְּרעֶנגְט , אַז עַל פִּי חָכְמַת הדאָקְטאָרִיעֶ קוּמְט אוֹיס , אַז בְּשָׁעַת אַ מעֶנטְשׁ חַאפְּט דעֶם אָטעֶם . . . אוּנ יאָאָאָ ! . . . אִיהר האָט דאָךְ געֶהעֶרְט מִסְתָּמָא פוּנ׳ם רַמְבַּ״ם ?

מֵאִיר . געֶהעֶרְט , ווִי דעֶן ? . . . פַאר וואָס נעֶהמְט אִיהר עֶפּעֶס נִיט אִין מוֹיל אַרַיין , מְחוּתָּן ? מְחוּתֶּנֶת׳טֶע , פַאר וואָס נעֶהמְט אִיהר

עפּעס ניט? מלכּה! בעט, זיי זאָלען עפּעס נעהמען אין מויל אַריין!

מלכּה. נעהמט עפּעס, פאַר וואָס נעהמט איהר עפּעס ניט, איך בעט אייך?

זיידענשטאַמער. ברייענגט ער, דער רמב״ם הייסט עס, ערגעץ אין איין אָרט, אַז על פּי „חכמת הפילוסופיא" איז לופט כּמעט אַזוי נויטיג ווי וואַסער; אונ וואַסער איז דאָך מים, פון די אַרבּעה יסודות הייסט עס (צעהלט אויף די פינגער:) רוח — לופט, מים-וואַסער, אש-פייער, עפר-ערד (טהוט א ניס).

איטעל. צו געזונד אונ צו אריכת ימים!

מאיר אונ מלכּה. צו געזונד אונ צו אריכת ימים!

זיידענשטאַמער. אַדאַנק... אונ יאָאָ! איז וואו האַלט איך הייסט עס? בּיי די אַרבּעה יסודות...

איטעל. יאָ, דו האָסט דאָך געוואָלט דאַכט מיר שמועסען מיט זיי פון עפּעס אַ אַנדער ענין גאָר?...

זיידענשטאַמער. וואָס זשע האָבען מיר אַזוי קיין צייט ניט? מיר וועלען נאָך רעדען. דו ווייסט דאָך, אַז די זיידענשטאַמערס האָבען פיינט חאַפּ לאַפּ. די זיידענשטאַמערס האָבען צייט. די זיידענשטאַמערס האַלטען פונ'ם גלייכוואָרט'ל: „געה נישט גיך, וועסט דו נישט רייסען קיין שיך". איהר האָט געהאָרכט אַמאָל דאָס דאָזיגע גלייכוואָרט'ל? דאָס איז מיין זיידענס אַ וואָרט. מיין זיידע עליו השלום האָט געהאַט אין זיך ווערטער, וואָס ווייסט איהר? וואָס ווייסט איהר? אונ יאָאָ! „דאָס עפּעלי, פלעג ער זאָגען, פאַלט נישט וויט פונ'ם בוימעלע". אונ „יחוס אבות — פלעג ער זאָגען — גאַ בּית הקברות". אָדער: „אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזעם". האָט איהר געהערט אַ מאָל דאָס וואָרט? איז דאָס אויך זיינס, האַ, איטעל, וואָס זאָגסט דו?

איטעלי. זיינס, זיינס, זכר צדיק לברכה! נאָר מיר דאַכט, אַז...

זיידענשטאַמער. האָב קיין יסורים ניט, איך ווייס וואו איך

האלט... אונ יאאא! איז מיין זיידע זכר לברכה געוועזן א יוד א חכם אונ א גרויסער מיוחס, ווי איך איז בעוואוסט, דעם אלטען רזשישטשעווער ריינדארס איין אייניקעל; „איהר פארשטעהט? פון איין זייט דער „בעל השור שנגח", פון דער אנדערער זייט דער רזשישטשעווער רענדאר, וואס געהייסען האט ער אהרן אונ גערופען האט מען איהם „רב אהרן" דאס איז ער טאקי נאך איהם א נאמען, דער חתן אייערער, א שקאץ א גרויסער; ווערליג דער נאמען זיינער, וואלט ער געמעגט זיין א קאפעטשקעלי פרומער, חע-חע, נאר גאר נישט מע קאן מיט היינטיגע קינדער גאר נישט מאכען, אז ס'איז, גאר געווארען א מאדע אלע ווילען לערנען זיך! אלע ווילען לערנען!

איטעלי. שטונדירען אין די קלאססען.

זיידענשטאמער. אונ יאאא!... האב איך געזאגט מיין זוהן: לערנען--וויפיל דו ווילסט, אבי ניט אין די קלאססען! ווארום אונזער משפחה, ווי איך איז ידוע, איז קיין עין הרע א היבשע משפחה, ווער איהר פון דעסטוועגען ניט געפינען ביי אונז נישט קיין דאקטאר, נישט קיין אדוואקאט, נישט מחמת מיר זענען חלילה אזעלכע פארברענטע חסידים; אדרבה, מהיכי תיתי, פאר וואס נישט? נאר גאר נישט, מיר זענען נישט גורם, מיר האלטען עפעס נישט דערפון! (טהוט א מאך מיט דער האנד.) אונ יאאא! קאנט איהר דערפון פארשטעהן, וואס פאר אפנים עס האט ביי מיר, אז ער קומט צו געהן צו מיר, דער חתן הייסט עס, אונ זאגט מיר, אז באשר אזוי ווי זי הייסט עס וויל, ער זאל זיך לערנען נאך...

איטעלי. שטונדירען הייסט עס אין די קלאססען.

זיידענשטאמער. אונ יאאא!... זי איז איהם מסית ומדיח. רעדט איהם צו, הייסט עס, ער זאל זיך מבין זיין, צוגרייטין זיך, הייסט עס, אין די קלאססען, אונ די חתונה, זאגט זי, זאל מען אפלייגען אויף שפעטער, אויף אמאל הייסט עס. זי האט צייט. חע-חע!...

מֵאִיר. (צעטראגען) ווער? וואו?

אִיטֶעלִי. בּאַקִי אֵייער טאָכטער מֵיינט מען, דִי כַּלָּה, הֵייסט עס, דרודעלט אָן דעם חָתָן...

מֵאִיר. (חאפט זיך אויף) הא? וואס? ווער? חַנָּה?... מַלְכָּה, דו הערסט?

מַלְכָּה. ווייס איך וואס קינדער פּלאַפּלען!

זֵיידֶענְשְׁטַאמֶער. קינדער זאָגט איהר, פּלאַפּלען? עס קאָן זַיין. מִסְתָּמָא קענט איהר בּעסער אֵייערע קינדער... אִיטלִיבער קען זַיינע קינדער... איך ווייס, אַז מֵיינע קינדער פּלאַפּלען ניט, חע-חע! אַט לְמָשָׁל מֵיינע קינדער זענען נישט קיין ציוניסטען, זייערענשטאַמערס האַלטען עפּעס נישט פון דעם ציוניזם... נישט מֵחֲמַת איך האָב עפּעס חָלִילָה צו די ציוניסטען אַ טַעֲנָה? אַדְרַבָּה! מֵהֵיכִי תֵּיתֵי, פאַר וואס ניט? נאָר גאָר נישט איך בּין נישט גורם, איך האַלט נישט דערפון! (אמאך מיט דער האנד) צו אַ שטייגער כְּדוֹמֶה לְמָשָׁל די הֵיינטיגע ווייסע'חֶבְרָה'ניקעס מיט די הֵיינטיגע גענג זייערע, וואס ווילען איבּערקעהרען די גאַנצע וועלט מיט'ן קאָפּ אַראָפּ מיט די פיס אַרויף, ווילען זיך צוטיילען מיט אֵייער געלד, דרינגען, אַז אַלסדינג וואס איהר האָט איז דאָס ניט אֵייערס, פריהער גאָטס און נאָכדעם פרעמדס, הֵייסט עס, ס'איז בּיי אֵייך סאַמע גְנֵבָה, גְזֵלָה... און יאָאָאָ!...

מֵאִיר. (אויפגעבראכט) איך האָב בּיי קיינעם נישט גע'גַנְבֶה'ט, קיינעם נישט בּע'גַזְל'ט. איך האָב מֵיין געלד כָּשֵׁר פערדינט! איך האָב גענוג גֶעהאָרעוועט דערויף! איך בּין גענוג...

זֵיידֶענְשְׁטַאמֶער. (שלאגט איהם איבער) איך ווייס, איך ווייס! ס'ניט איך זאָג עס. דאָס זאָגען, זיי, די ווייסע'חֶבְרָה'ניקעס, הֵייסט עס... און יאָאָאָ!...

מֵאִיר. וואָסערע ווייסע'חֶבְרָה'ניקעס?

זֵיידֶענְשְׁטַאמֶער. אַט אַ די דאָזיגע, ווי לְמָשָׁל אֵייערע, די יונגערע.

מֵאִיר. (טהוט זיך א ווארף) הא?...

זַיידֶענְשְׁטַאמֶער. איהר דארפט זיך ניט אָפּעסען דאָס הארץ, מְחוּתָּן! ס'איז נישט כְּדַאי, כּלעבען... (צו מלכה'ן) ווי אַזוֹי זאָגט איהר? קינדער פלאַפּלען, חע-חע?... (ניסט)

אִיטֶעלִי. צו געזונד צו אֲרִיכַת יָמִים!

מֵאִיר און מַלְכָּה. צו געזונד און צו אֲרִיכַת יָמִים!

זַיידֶענְשְׁטַאמֶער. אַדאנק. און יאָאָאָ!... איז ווי האלט איך הייסט עֶס? רעדט זי איהם צו, מייַנעם, הייסט עֶס, עֶר זאָל זיך נאָך אַבּיסעל צולערנען...

אִיטֶעלִי. שטודירען אין די קלאַססען.

זַיידֶענְשְׁטַאמֶער. און יאָאָאָ!... און איך וויל גאָר אָפּשטעלען די חֲתוּנָּה, פאַרשטעהט איהר מיך, אויף ראש חוֹדֶש אֱלוּל, מַחֲמַת איך האָב נישט ליעב קיין קלאַסען, נישט מַחֲמַת איך האָב עֶפּעס צו זיי? אַדְרַבָּה! מְהֵיכִי תֵּיתֵי, פאַר וואָס ניט? נאָר גאָרנישט, איך בין נישט גוֹרֵם. איך האלט נישט דערפון! (א מאך מיט דער האנד) און יאָאָאָ! (א קוק אויפ'ן זייגער, חאפט זיך אויף) אָו-וואַ! אַ ביסעל פאַר'זעסען. מיר וועלען זיך נאָך אומקערען מִסְתָּמָא צו דעם עִנְיָן נאָך אַמאָל, אַז עֶס וועט האלטען ביי אָפּשטעלען די חֲתוּנָּה אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם... און יאָאָאָ!... איך האָב פיינט דוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה זיין, איך האָב נישט ליעב חאַפּ-לאַפּ עַל רֶגֶל אַחַת. די זיידענשטאַמערס האָבען צייט, „וואָר עֶס לויפט, דער מידט זיך איין“. האָט איהר געהאָרכט אַמאָל דאָס וואָרט? ס'איז אויך מיין זיידענס זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. הא, איטעלי, וואָס זאָגסט דו?

אִיטֶעלִי. (גרייט אויף אוועקצוגעהען) אַלץ, אַלץ איז זיינס, זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה!...

זַיידֶענְשְׁטַאמֶער. (צו מלכה'ן מיט א זייט) ווי אַזוֹי האָט איהר געזאָגט? קינדער פלאַפּלען? חע-חע! נישט אַלע קינדער פלאַפּלען. מייַנע קינדער פלאַפּלען נישט. די זיידענשטאַמערס פלאַפּלען נישט... אַ גוטען! (זוכט א מזוזה, געהען אפ. מאיר אין מלכה בלייבען א מינוט אהן לשון, ווי געפלעפט).

אַכְטֶע סְצֶעְנֶע.

מֵאִיר. (צו מלכה'ן) נוּ?

מַלְכָּה. (צו מאיר'ן) נוּ?

מֵאִיר. וואָס נוּ?

מַלְכָּה. וואָס וואָס נוּ?

מֵאִיר. (א שטארקען שביי אן דער זייט) טפּוּ!...

סוֹף פוּנ'ם עֶרְשְׁטֶען אַקְט.

צווייטער אקט.

(א רייך מעבלירטע זאל ביי די שאלאנטס, אנגעשטעלט און אנגעפאקט ווי אין א מעבעל־מאגאזין. שפיגלען הויכע; פארטעפיאנעס צוויי; שטוהלען געגילטע; בילדער אויף די ווענט אסך; אויבען אן אין גילדענע ראמען צוויי גרויסע פארטרעטען: דער בעל הבית אין א יארמעלקע און די בעל הבית'טע מיט א סך פער'ל אויפ'ן האלז, ביים קאמי זיצט א בייזער הונד מיט א מוראדיגען קוק, — כבנות נפשות א גליק, וואס פון גיפס).

ערשטע סצענע.

מאשע. (דרעהט זיך ארום מיט א בארשט, שטעלט צענויף דאס מעבעל, קערט און ראמט און רעדט צו זיך אליין) א שטוב! דרייסיג מאל א טאג דארף מען נאך זיי ראמען, אויסראמען זאל עס זיי!... און קינדער? נו, קינדער! מע זאל זיי געדעכט זייען און שיטער אויפגעהן! פאהרט אוועק דער בעל־הבית־קעהרען זיי איבער די גאנצע שטוב הארע קארע! (שטעלט א וועק א שטוהל און צעבראכע; א פיסעל) א בראך פאר א בראך... לאז עס זיין די כפרה פאר מיר און פאר כל ישראל, זיי האבען גענוג!... בעסער פון אלע איז מאטוויטשיק, מיט'ן קאפ זאל ער אנלייגען! טאג ווי נאכט נאר געקנייפט זיך!... און א פלארעני! ס'זאל אויף איהר קומען איין אויסחאפעניש! טאמער וויל די בעל־הבית'טע אמאל שיינקען א קלייד'ל איין אלטס, צו א פאר שיך, לאזט זי נישט... זי מעג טאקי ניט פארמאגען קיין מאל!... א שטיקעל גליק וואס די „בארישני" שטעלט זיך איין אמאל,

די כפרה זאל זי זיין פאר דער „בארישני" אינאיינעם מיט דעם קלייגעם סאשקע, פארברענט זאל ער ווערען! מיר צעשניטען א פאר נייע קאלאשען!... אנגערויבערט ווי אין א באד! (עפענט אויף א פענסטער אונ טרייבט ארויס דעם רויך מיט'ן האנטוך) דא פאהרט אוועק דער בעל־הבית אויף איין טאג, קלייבען זיך צענויף אהערצו, צו די „פאניטשלעך", גאנץ קעקעלי קהל; פון דער וועלט בחורים; דער רוח וויסט זיי וואס זיי טהון דא; ווישען ניט אפ די שטיוועל אפילו; רייסען זיך אויף די גארגלען אונ רויבערען, אונ רויבערען, אונ רויבערען! (טרייבט ארויס דעם רויך מיט'ן האנטוך, פארטשעפעט אונ צעבראכט א וואזע) א בראך פאר א בראך. (פארקעהרט די שטיקלעך וואזע) לאז זי זיין די כפרה פאר מיר אונ פאר כל ישראל, ס'איז ביי זיי דא געגוג!... (עס הערט זיך א קול פון אינוויינינ: „מא—שע! מא—שע!") (הויך אויף א קול:) איך געה! איך געה! (שטיל, פאר זיך:) ס'איז אודאי פלארעניו מיט איהרע האר... דריי שעה דארף מען שטעהן אויף די פיס בשעת זי פארקעמט זיך!... א מענטש האט ביי זיי א ווערט פון א הונט... עס מעג שוין קומען אויף זיי א חלירע אויף אלע בעלי בתים, מע זאל שוין פון זיי אמאל עפעם אויפגערעכט ווערען, ליבער גאט!... (דורך איין טהיר, געהט מאשע אוועק; עס קומט אן פון דער אנדערער טהיר מלכה, נאך איהר — פעסיל. פעסיל קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען איבעראשט, רעד גיך, מאהלט ווי א מיהל).

צווייטע סצענע.

מלכה. ווען זשע הייסט עס קומסט דו אן? זיץ, פעסיל, הא־וואס זיצסט דו ניט?

פעסיל. אדאנק, איך קאן באשטעהן. (זעצט זיך אוועק מיט א זייט אויף איין עק ביינקיל). ווען איך קום אן פרעגט איהר מיך? מיט'ן באהן קום איך אן. איך בין געפאהרען פארביי בין איך געפאהרען אונ האב מיך אנגעהויבען דערפרעגען, צו ווייסט

איהר נִיט וואָס מאַכְט עֶפּעס טשאָלְעָנט? זאָגעָן זיי: וואָסעֶר טשאָלְעָנט? זאָג איך: מֵאִיר טשאָלְעָנט. איהר קעָנט נִיט מֵאִיר טשאָלְעָנט? זאָגעָן זיי: מִיר ווייסעָן נִיט קיין טשאָלְעָנט, אֶפְשַׁר מֵיינט איהר, זאָגעָן זיי, שאַלאַנט, מֵאִיר שאַלאַנט?... זאָג איך: איהר ווילט שאַלאַנט, לאָז זיין שאַלאַנט, בּיי אונז האָבּעָן זיי געהייסעָן טשאָלְעָנט, עֶר טשאָלְעָנט אונ זי – טשאָלְעָנט׳כֶע...

מַלְכָּה. (רייסט זי איבער.) וואָס זשעֶ מאַכְט עֶפּעס דיין לייזעֶר?

פֶּעסִיל. וואָס זאָל עֶר מאַכעָן? אַמוֹכֵר תְּבוּאָה׳ניק?... וואָס מעֶ טהוט אונ וואָס מעֶ מאַכְט איז שְׁלִים שְׁלִים מַזָל! האָט עֶר געהאַנדעָלט מִיט ווייץ, איז ווייץ געלעָגעָן ניין אַיילעָן אין דעָר עֶרד. אַחוּץ וואָס די ווייץ אַליין האָט געָטויגט אויף כַּפָּרוֹת, איז נִיט געָוועָן קיין קוֹנֶה אויף קיין ווייץ, חאָטש נעָם די ווייץ אונ וואַרף אַרוֹיס די ווייץ. זאָג איך איהם, וואָס האָסט דו זיך אָקלעָפּעָט אין ווייץ? זעֶהסט דאָך, אַז די ווייץ איז נִיט קיין ווייץ, נעֶהמט מעָן, זאָג איך, אונ מעֶ קויפְט פּראַסעֶ אונ מעֶ קויפט הירזש. געֶהט עֶר אונ קויפט הירזש. ווערד אַ זוֹל אויף הירזש, אומעֶדום הירזש, וואו מעֶ טהוט זיך אַוואַרף איז הירזש אונ הירזש! צו וואָס האָט דיר געטויגט, זאָג איך, הירזש? הירזש געֶהט דיר אָפּ? זאָגט עֶר! האָסט דאָך מִיר אַליין געהייסעָן קויפעָן הירזש! האָב איך דעָן געמיינט, זאָג איך, דַוְקָא הירזש?...

מַלְכָּה. (רייסט זי איבער) נוּ, אונ די קינדעֶר דיינע וואָס מאַכעָן?

פֶּעסִיל. די קינדעֶר? לאָזעָן זיי זיין געזונד אונ שטאַרק איהר ווייסט נישט היינטיגעֶ קינדעֶר? היינטיגעֶ קינדעֶר איז נִיט דאָס וואָס אַמאָליגעֶ קינדעֶר, אַמאָליגע קינדעֶר זעָנעָן געָוועָן קינדעֶר, אונ היינטיגעֶ קינדעֶר וואָס? היינטיגעֶ קינדעֶר ווייסעָן נאָר געֶהען אויף „מעָניסטראַציעָס”, נאָר לויפעָן, אונ נאָר שרייעָן, אונ נאָר ליאַרעָמעָן, אונ נאָר פּולדעֶרעָן! אַז עֶס קוּמט אונטעֶר אַ יוֹם טוֹב אָדעֶר אַ חאָגעֶ פאַלט מִיר אַרוֹיס די נְשָׁמָה: קינדעֶר געֶהט נישט! קינדעֶר לויפט נישט! קינדעֶר שרייט נישט!...

רבקה. וויפיל קינדער האסט דו?

פּעסיל. וויפיל קינדער איך האב? לאזען זיי זיין געזונד און שטארק! איהר האט דען געזעהן אמאל אסך קינדער? נישטא קיין צופיעל קינדער! וויפיל קינדער ס׳זאלען ניט זיין זענען זיי קינדער! איינע האב איך, די עלטערע, רופט מען זי סאסיל, נאך דער באבע סאסי, איהר צו לייננערע יאהר; איז דאס א סאסיל, וואס זאל איך אייך זאגען? זינט גאט האנדעלט מיט סאסליך, האט ער נאך אזא סאסיל נישט געהאט, מעגט איהר מיר גלויבען אויף נאמנות! און א חתן נעהמט זי, שוין איין מאל א חתן, פון חתן-לאנד א חתן! (עס קומט אן פלארע, זעהט נישט פאר זיך קיינעם דרעהט זיך א קעגען שפיגעל, זינגט א ליעדעל און טאנצט אונטער.)

דריטע סצענע.

פלארע (נעהמט ארויס אבריוועל און לייענט אויף רוססיש:) „ליעבסטע טייערסטע פלארע! דיין זיס בריוועלע האט מיך דערקוויקט, איך בין זעהר צופריעדען, וואס דיין פאטער איז אוועק געפאהרען און וואס איך וועל זיך קאנען זעהען מיט דיר היינט אויף דער אפערעטקע. צווישען טאג און נאכט וועל איך מיך ארויפהאפען צו אייך און וועל דיך נעהמען אין טהעאטער אריין. האב קיין פאראיבעל ניט, וואס איך קום נישט באלד; איך וויל נישט באגעגענען זיך מיט דיינע ברידערלעך, וואס מיינען אז זיי מאכען גליקליך די וועלט מיט זייערע „סאבראניעס" און מיט זייערע „זאסעדאניעס". איך האב פיינט דיינע ברידער און האב פיינט דיין שוועסטער מיט די געשערענע האר; איך האב ליעב נאר דיך אליין, מיין טהייערער ענגעל, מיין נשמה, מיין הארץ, מיין לעבען פלארא!" (לייגט צענויף דאס בריוועלי קוועטשט דאס צו צום הארצען) אך, מיין ליבער טייערער מאקס!

פֶּעסִיל . אָט דאָס אִיז דִי געגנט'ע אײַערע ? די גְרוּשָׁה ? אַ בּאַרליאַנט דאָס אִיז !

פְלָארֶע . (דערזעהט , טהוט זיך אווארף צוריק) וואָס אִיז דאָס פאַר אַ שְׁלִים מַזָל ? אַלע מאָל , ווען דער פּאַפּאַ פאָהרט אַוועק , טראָגט אָן דער רוּחַ אַנ'אַנדער שוואַרץ–יאָהר !

פֶּעסִיל . שְׁלִים־מַזָל זאָגסט דו ? שְׁלִים־שְׁלִים־מַזָל ! וואָס זאָל מען טהון , אַז גאָט וויל נישט געבען קיין מַזָל ? ווי זאָגט מען דאָס : אָהן מַזָל זאָל מען גאָר נִיט געבוירען ווערען ! אײדער אַ פונט גאָלד איז בעסער אַ לויט מַזָל ... פון דעסטוועגען האָט זיך יעדער מענטש זיין מַזָל , אונ אַפִילוּ אַ קינד אַז ס'ווערד געבאָהרען , אַזוי שטעהט , זאָגט מען , בײַ אונז געשריבען אין די סְפָרִים , ווערד דאָס אויך געבאָהרען מיט זיין מַזָל ...

פְלָארֶע . זי האָט זיך עס אַבִּיסעל צֶעמַזָלט ! ווער איז די יידינע , מאַמע ?

מַלְכָּה . דאָס איז פעסיל דער בּוֹמע סאָסים , אונזערע איין אייגענע , אַ קְרוֹבָה דיינע .

פֶּעסִיל (אויף פלארען) אַ בּאַרליאַנט דאָס איז ! (געהט צו , טהוט זְקוּש פלארען אין האנד) .

פְלָארֶע . וואָס זשע טהוט זי דאָ ? וואָס דאַרף זי ?

פֶּעסִיל (אויף פלארען) אַ בּאַרליאַנט דאס איז ! וואָס איך טהו דאָ ? וואָס זאָל איך טהון ? גאָר נִיט , איך בין געפאָהרען פאַר־בײַ , האָב איך מיך אָנגעהויבען צו דערפרעגען : „ווייסט איהר נישט , וואָס מאַכט עפּעס בײַ אײַך טשאָלענט ?" זאָגען זיי : „וואָסער טשאָלענט ?"...

מַלְכָּה . (וייסט זי אפּ) קום , פעסיל , ווען מיר עפּעס נעהמען אין מויל אַריין , בּיזט אַוַדאי הונגעריג ...

פֶּעסִיל . הונגעריג ? בּיז מיין לעבען זאָל איך אַזוי זיין הונגעריג , ווי איך בּין איצטער הונגעריג ! פאַר פרייד איז דער גאַנצער הונגער אַוועקגעפלויגען , גלײַך ווי ס'איז גאָר קיין מאָל קיין הונגער נישט געווען אויף דער וועלט ! (מלכה נעהמט זי אוועק) .

פְּלָאֶרֶע. (האלט זיך ביי די זייטען) חַאַ–חַאַ–חַאַ!

פֶּעסִיל. (אויף פלארען) אַ בּאַרליאַנט דָאס אִיז! (געהט אוועק מיט מלכה'ן. פלארע דרעהט זיך אקעגען שפיגעל. עס קומען אריין מאטוויי אונ דאווידקא).

פֶּערְטֶע סְצֶענֶע.

דַאווִידְקֶע. (קוקט ווי פלארע דרעהט זיך פאר'ן שפיגעל רעדט צו מאטווייען שטיל) הֶערסט דו, וואָס אִיךְ וועֶל דִיר זאָגֶען, מַיין טַייעֶרעֶר שְׁפִּיעֶלפוֹיגעֶל? דַיין שוועֶסטעֶר אִיז דאָךְ נאָךְ עֶפּעֶס טַאקִי גאָר אַ „שְׁקְשְׁקֶעוואַטעֶ שְׁטוּטשקעֶ!"

מַאטְוֵויי. פִּי! וואָס אִיז דאָס בַּיי דִיר פַאר מִין אויסשפּראַךְ בַּיי דִיר?

דַאווִידְקֶע. טַאקִי בֶּאֱמֶת? אויף וואָס דעֶנְן פַאר אַ שפּראַךְ בִּיזט דו געֶוואוינט געֶוואָרעֶן צו רעֶדעֶן. דו דזשעֶנטעֶלמעֶן מַיינעֶר?

פְּלָאֶרֶע. (דרעהט זיך אויס, דערזעהט א פרעמדען מענשען, טהוט זיך אוואַרף צו דער טיר) אַךְ, פַּארדאָן!

דַאווִידְקֶע. (צו פלארען) פַּארדאָן אִיז אַ לאָקשעֶנבּרעֶט... (פלארע ווערד אנטרינען).

פִּינְפְטֶע סְצֶענֶע.

מַאטְוֵויי. אָט אַזוֹי רעֶדט מעֶן מִיט אַ דאַמעֶ, דו אונגעֶבִּילדעֶטעֶר מעֶנש וואָס דו בִּיזט?

דַאווִידְקֶע. וואָס זאָגט אִיהר אויף דעֶם תַּרְנְ–גול! לָמַאי האָסט דו מִיךְ נִיט פאָרגעֶשטעֶלט פאַר דַיין שוועֶסטעֶר? עֶס שטעֶהט דִיר נִיט אָן, דו שׁוֹטֶה בֶּן פִּיקהאָלץ, דו שאַרלאָט שבּשאַרלאָטִים, דו פאַנסקִי צאַפּ אייינעֶר?

מַאטְוֵויי. נַאחאַל! קוּמסט צו מִיר אִין שטוּבּ אַרַיין מִיךְ זִידלעֶן?

דַאווידְקַא . חאַ—חאַ ! צוּ אִיהם אִין שטוּב אַרײַן ! (באַקוּקט די שטוּב) אַ גרויסען חֵלֶק האָסט דוּ אִין דער דאָזיגער שטוּב !

מַאטְוֵויי . מײַן טאַטענס שטוּב . . .

דַאווידְקַא . אַז אַךְ אוּן וועה אִיז דײַן טאַטען , וואָס פאַר אַ זוהן ער האָט אויסגעהאָדעוועט ! הער נאַר , דוּ ווײַסט חאָטש , דוּ גרינער אַגרעס אײַנער , וואָס אִיךְ בִּין צוּ דִיר אַזוֹי פְרִיה געקוּמען ?

מַאטְוֵויי . דְהַיְינוּ , זאָג , וועלען מִיר הערען .

דַאווידְקֶע . אִיךְ האָב צוּ דִיר אַ בַּקָּשָׁה , מײַן לִיבער רֶב אֶלְיָקוּם , אַ טוֹבָה'לֶע .

מַאטְוֵויי . (ווערד בלייכליך) אַךְ , מִיט'ן גרעסטען כָּבוֹד !

דַאווידְקֶע . מִיט'ן גרעסטען בִּזָיוֹן קערסט דוּ מײַנען ? מֶע האָט מִיךְ געכַּטען „צעליײגט" ווי אַ שעפּס , געשלאָגען „צוּ דער אָדער" , כ'האָב געגַליהט אַ גאַנצע נאַכט ווי „אויף פּאָקען" , אוּן בִּין אַרוֹיס „נָקִי" , ריין ווי אַ טעלער , נאָךְ קײן מאָל נִישט געוועזען אַזוֹי „אָפען" ווי הײַנט .

מַאטְוֵויי . ווער האָט דאָס דיךְ אַזוֹי אָפּגערײַניקט ?

דַאווידְקֶע . ווער נִיט ? תְּחִילַּת האָב אִיךְ געהאַט שוין אָנגע־שלאָגען אַ היטעל מִיט גאָלד , טראָגט אָן דער רוּחַ דעם שווארצען „קאָטער" , אוּן ווי באַלד דער שוואַרצער קאָטער שטעלט זִיךְ אַוועק אוּן הויבט אָן „שמירען" פאַר מִיר , אַזוֹי ווײס אִיךְ פְרִיהער אַז אִיךְ וועל אַרײַן ווי קוֹרַח , אִיךְ וועל ברענען ווי אַ שטרויענער דאַךְ – אַזאַ שְׁלִים'מַזָּל אִיז דאָס ! ברענען זאָל ער ! טהוּט ער אַ קוּק אִין וואַסער הויבען אָן פַּגֶרען פִישׁ . . . וואָס טוּג דִיר גרוֹיס – אִיךְ האָב מִיךְ „אַרויפגעריסען" אויף די ריינע דרײַצעהן „פּאַסען !"

מַאטְוֵויי . (מִיט ברענענדיגע אויגען) דרײַצעהן פּאַסען ?!

דַאווידְקֶע . ווי די בערען !

מַאטְוֵויי . ווער האָט „געוואָרפען" די „באַנק ?"

דאוידקע . דו ווייסט ניט ווער ? אַלץ דער פלאָקענשיסער ! פאַרשטעהרט זאָל איהם ווערען ! איהם אַז עס געהט אַוועק דאָס „בלעטעל" קאָן ער אוים טהון די גאַנצע „קוליסע" אָדם נאַקעט, צו־עמען וואו ס'איז דאָ ערגיץ אַ העללער אונ לאָזען זיצען דעם עולם אויפ'ן קלאָץ !... איך שאַרף אויף איהם די צייהן שוין פון לאַנג, איך מוז איהם אַמאָל חאַפּען אונ אָפּבייסען איין אויהער ! זיין גליק וואָס איך בין איצטער איין „אַראַפּטשיק", געה אַרום אָהן קליינגעלד... אונ אויפ'ן „פאָנף" וויל ער מיט מיר ניט שפּיעלען, קרייד איז אַ רפואה, זאָגט ער, צו ווערעם, ווערעם זאָל עסען זיין לייב !... וועסט מיך דערהאַלטען ביי מיין לעבען, הערסט דו, אַז דו וועסט מיר געבען אַביסעל גאָלד.

מאַטווי (דערשראקען) ווי קומט צו מיר גאָלד ?

דאוידקע. מאַך נאָר נישט קיין אָנשטעלען, דו זויערע קיסליצע, אונ געב אַהער צוויי „שמאַטעס". זיי נאָר נישט דאָס וואָס סע'קוויטשעט !

מאַטווי . (האפט ארו'ס דעם טייסטער) איך זאָל אַזוי ריין זיין פון שלעכטס ! נאַ, זעה !

דאוידקע . (שטאפט איהם אפ דעם טייסטער) די קונצען געהען ביי מיר נישט אָן ! ווייסט דאָך אַז איך בין אַ מבין אויף אַ טשאַד, הײַנט וואָס מאַכסט דו אָנשטעלען, דו פּרא אָדם, דו פוסטע גלאָק, דו „באָ־סיאַק" איינער ? אונ אַז עס מאַכט זיך דו בלייבסט זיצען אין קלוב אָהן פּאָדעס, געב איהר דיר נישט, דו יאָקעל בן פ'לעקיל, דו הינט איינער, דו כּלב שבכּלבים ! (עס קומען אן פון איין אינוויינ.סטער טיהר פארלעכוויז יונגע לייט אונ בחורים מיט שווארצע אונ בלויע העמדליך—חיים'ס' אינ וואלאדים חברים ; אויך מיידלעך מיט אונטער־געשערענע האר אונ מיט צעפליך אונ מיט רויטעבלוזקעס ; איינינע געהען ארום הין אונ צוריק, רעדען מיט היטץ, מאכען מיט הענד ; איינינע וויגען זיך אין די וויגשטוהלען ; איינינע צעלייגען זיך אין די ווייכע פאטעלען, ווי ביים טאטען אין ווייננארטען אונ רויכערען.! א פאר מיידליך זעצען זיך אוועק צום פארטעפיאן ; איינע קלאפט מיט די הענד איבער די בייגדליך. בעזונדער אין

אזוי שטעהט חנה; אגעגען איהר — אראנטשיק, טענה'ט עפּיס, האלט א פאפיר. מאטוויי אונ דאווידקע בלייבען שטעהן אין א ווייקעל אינטער די בלומען; מע זעהט זיי ניט).

זעכסטע סצענע.

ערשטע בלוזקע. וואס טהוסט דו?

צווייטע בלוזקע. איך שפּיעל אויפֿין בורזשואזנע אינסטרומענט.

ערשטער חבר. אינטערנאציאנאליזם! אינטערנאציאנאליזם!... פֿאר א פֿאלק, וואס האט א טערריטאריע, זיצט אויף זיין ערד, איז גרונג צו רעדען פֿון אינטערנאציאנאליזם, זיך משדך זיין מיט אנדערע פֿעלקער; פֿאר אונז, יודען, איז דאס א שחיטה!

צווייטער חבר. — מיט וואס איז דאס א שחיטה?

חיים. אזוי. ווארום אלע גרויסע פֿעלקער נאך אלע טענות בלייבען פֿארט בעל הבית ביי זיך אין לאנד. איינגלענדער וועלען תמיד זיין איינגלענדער; פֿראנצויזען וועלען תמיד בלייבען פֿראנצויזען; און פֿון אונז וואס וועט בלייבען? אט דאס א! (בלאזט פֿונ'ם פאפּיראס)

דריטער חבר. איין אומגליק מיט די ציוניסטען! באלד זענען זיי דא מיט זייער נאציאנאליטעט! מע רעדט פֿון פֿעראייניגען זיך קעגען קאפּיטאל, פֿיהרען א מלחמה מיט דער בורזשואזיע, קומען זיי צוגעהן מיט זייער פֿאלקסגעפֿיהל אונ מיט זייער גאט... אסך האט איהר געפּועלט מיט אייער נאציאנאליזם? וואהין זענען אהינגעקומען אונזערע גרויסע יודען: שפּינאזא. היינע, בערנע, לאסאל, מארקס אונ נאך כדומה? איהר האט געזארגט פֿאר אייער נאציאנאלאסט, אונ זיי זענען זיך דערוויל אוועק צו פֿרעמדע...

וואלאדי. וואסערע פֿרעמדע? נישטא קיין איינענע! נישטא קיין פֿרעמדע!

פֿערטער חבר. אהא! קאסמאפּאליטיזם האט זיך שוין צערעדט!

פינפטער חבר. מע איז אריינגעגאנגען אהער זיך אפרוהען פון דער דיסקוסיע, האבען זיי פארבונדען דא א פרישע דיסקוסיע. משוגעים;

זעקסטער חבר. (לאכט) חא--חא--חא! חא--חא

אלע. וואס איז אויף איהם אזא געלעכטער?

זעקסטער חבר. קומט אהער, וועט איהר עפעס הערען א שענס! (אלע לאזען זיך צו איהם.) זעהט איהר? (ער נעהמט ביי חנה'ס חתן א פאפיר פון די הענט) דאס האט זיידענשטאמער געבראכט צעטראגען אהער א "פעטיציע"?

אלע. "אפעטיציע"

אראנטשיק. (רויט, ווישט זיך דעם שוויים, שטעלט ארויס א שווערע גאלדענע קייט מיט א גרויסען מעדאליאן) וואס איז פאראן וואס צו לאכען? אלע געהען היינט מיט פעטיציעס, פאר וואס זאלען מיר ניט געהן מיט א פעטיציע? מיט גוטען אז מיר וועלען געהן, וועלען מיר תמיד בעסער מאכען... דאס האט איהר נומער איינס... (האלט דעם פינגער אזוי, אז מע זאל זעהען ווי דער בריללִיאנט פונ'ם רינג פינקעלט).

ערשטער חבר. ווילט איהר, אז מיר זאלען חתמ'נען אויף אייער פעטיציע?

אראנטשיק. פאר וואס ניט?

צווייטער חבר. אפשר וואלט איהר זיך מטריח געווען איבערלייענען?

דריטער חבר. (צום צווייטען) האסט אפנים מעהר ניט, וואס צו טהון? (דער עולם לאכט).

חנה (געהט צו) וואס איז דא? (צום חתן) וואס איז? (ווי רעדען ביידע שטילערהייד. אראנטשיק בעהאלט דאס פאפיר צוריק אין בוזעמקעשענע, ווישט דעם שוויים, שטעלט ארויס די גאלדענע קייט מיט'ן גרויסען מעדאליאן.

וואלאדי. (קוקט אויף'ן זייגער.) שוין באלד איבערגעגאנגען די מינוטען, קינדער, קינדער. צו דער ארבייט, די צייט שטעהט

נִיט. (קלינגט מיט א גלעקיל אלע הויבען זיך אויף פון די ערטער, ווארפען אוועק די פאפיראסען אויף דער ערד, צעטרעטען מיט די פיס, און לאזען זיך געהן אלע אין איין טיהר. חנה מיט'ן חתן געהן פון אונטען.)

זִיבֶּעטֶע סְצֶענֶע.

אָווִידְקָא. וואָס אִיז דאָס? וואָס פַאר אַ קאָמעֶדִיע בַּיי אַייך?

וועֶר זעֶנעֶן דִי דאָזִיגעֶ לַייט?

מַאטְוֵויי. ס'אִיז בַּיי זַיי אַיין אֲסִיפָה... חֶבְרָה. יונגווארג...

צִיוֹנִיסטעֶן... סאָציאַל-דעֶמאָקראַטעֶן...

דַאווִידְקָע. וואָס ווִילעֶן זַיי?

מַאטְוֵויי. ווַייסט נִיט וואָס זַיי ווִילעֶן?

דַאווִידְקָע. אִיךְ זאָל אַזוֹי ווִיסעֶן פוּן דִיר.

מַאטְוֵויי. האָסט קַיין מאָל נִיט געֶהעֶרט דאָס וואָרט פראָלעֶטאַריאַט?

דַאווִידְקָע. אִיךְ זאָל דִיךְ אַזוֹי האָבעֶן פַאר אַ טאַטעֶן.

מַאטְוֵויי. זַיי ווִילעֶן, פַארשטעֶהסט דוּ מִיךְ... זַיי שטעֶלעֶן זִיךְ אַיין פַאר דִי אָרעֶמעֶ אַרבַּייטעֶר, זַיי ווִילעֶן אַיינפִיהרעֶן ס'זאָל זַיין ווִינצִיגעֶר געֶאַרבַּייט און מעֶהר געֶנוּמעֶן געֶלד. הַיינט פעֶרשטעֶהסט דוּ שוֹין, דוּ גוֹיעֶשעֶ קאָפּ?

דַאווִידְקָע. אָט דאָס אִיז גאָר? דוּ פּוּסטעֶ כְּלִי וואָס דוּ בִּיזט! דאָס אַייגעֶנעֶ ווִילעֶן מִיר דאָךְ אוֹיךְ!...

מַאטְוֵויי. וואָס דעֶן מַיינסט דוּ? קוּם, וועֶלעֶן מִיר מאַכעֶן אַיין עֶקאַרטעֶ.

דַאווִידְקָע. האָסט דאָךְ געֶזאָגט, אַז דוּ האָסט קַיין געֶלד נִיט, דוּ שַׁקְרָן, דוּ כַּזְבָן, דוּ לִיגנעֶר וואָס דוּ בִּיזט!... ווַייסט דוּ, וואָס אִיךְ וועֶל דִיר זאָגעֶן, פַאנִי פִּיפּעֶרנאָטעֶר? ס'אִיז בַּיי אַייךְ אַ שטוּב פוּן סאַמעֶ מְשׁוּגָעִים, לאָם אִיךְ אַזוֹי לעֶבּעֶן מִיט דִיר אִינאַייִנעֶם. קוּם יאַקִים!... (געהען אפ, עס קומען [illegible] מלכה מיט פעסלען.)

אַכטע סצענע.

פּעסיל. (מאהלט װי א מיהל) גאָט זאָל אײַך העלפֿען, מלכה'ניו, איהר זאָלט תּמיד זײַן רײַך, אונ תּמיד געזונד, אונ תּמיד אױפֿגעלײגט, אונ תּמיד פֿרײליך. איך זעה ס'איז בײַ אײַך אַ שטוב קײן עין הרע, װאָס ס'איז תּמיד פֿרײליך, קײן עין הרע, אַזױ פֿיעל געסט בײַ אײַך.

(װײזט מיט דער האנד אױף דער טיהר, װאו עס הערען זיך קולות פֿון יונגװארג.)

מלכה. (קוקט אױף יענע טיהר, זיפֿצט) געסט? הלװאי װאָלטען זײַ בעסער װינציגער געגאַנגען אַהער, װאָלט איך געװען רוהיגער...

פּעסיל. (מאכט זיך ניט הערענדיג, מאהלט װײטער) קײן עין הרע, אַזאַ ראָסקאָש װי בײַ אײַך, קײן בײז אױג זאָל ניט שולט זײַן, װאָס פֿעהלט אײַך?

מלכה. זאָל עס מיר צוקומען! אונז פֿעהלט נאָר שלום־בית, װײסט דו שױן, װאָס אונז פֿעהלט?...

פּעסיל. (מאכט זיך ניט הערענדיג.) הײַנט די קינדערליך אײַערע, קײן עין הרע, קײן בײז אױג, בּאַרליאַנטען! אונ דעם נחת װאָס איהר האָט פֿון זײַ מיט'ן כּבוד, קײן עין הרע קײן בײז אױג!

מלכה. װאו איך האָב ערגיץ אַ שונא, רבונו של עולם!... נחת זאָגסט דו? אַ שענער נחת! די עלטערע טאָכטער געגט זיך... די זיהן װילען ניט חתונה האָבען. בײַם עלטערען שיט זיך שױן אַ בערדיל... די יונגערע האַלטען אין אײן לערנען מיט אײן געהן אױף סאָבראַניעס־גוליאַניעס... ציטערט אױף מיר דאָס לײַב פֿאַר זײַ... רעדען אַ זעלבע װערטער, אַז מע קאָן שטאַרבען!... אַז ער איז אין דערהײם, מאיר הײסט עס, האָט מען חאָטש אַ ביסעל דרך ארץ, פֿאָרט אַ מאַנסביל! אונ פֿאָהרט ער אַ װעק אױף אײן טאָג, קערט מען איבער די שטוב! מע קלױבט זיך צונױף, װאו ערגיץ אַ שלעפּער, אַ בעל מלאכה, אױף טיש אונ אױף בײנק! אונ פּרוב זאָגען אַ װאָרט, ביזט דו ניט זיכער מיט'ן לעבען!... ס'איז עפּעס גאָר הפקר געװאָרען, עפּעס אַ פֿאַרקערטע װעלט

טאַטע-מאַמע האָבּען הײַנט מוֹרָא פֿאַר די קינדער... וואָס, ניט אַזוי?

פֶּעסִיל. וואָס זאָלט איהר קלערען, מַלְכָּה'ניו, ס'איז אין אונזער גראַד אויך ניט בּעסער. מע דאַרף הײַנט פֿאַר קינדער האַלטען דאָס היטעל; אַ ניט האַפּען זיי אַ שטעקען מיט אַ רויטע פֿעטשײַלע און מע געהט אַרוּם אויף „אַ מענישטראַציע..."

מַלְכָּה, (ציטערט אוֹיש) מעהר ווי פֿאַר אַלע האָבּ איך מוֹרָא פֿאַר מײַן וואָלאָדין, אַט אַ יענער, וואָס כ'האָבּ דיר אָנגעוויזען, מיט'ן הֶעמדיל... מילא דער עלטערער איז טאַקי אַפִּילוּ אַ גרויסער גאָרנישט, ווערד פֿאַרפֿאַלען אַמאָל אויף אַ גאַנץ מֵעֵת לְעֵת; ווער ווײַסט וואו ער איז געווען? איז ער אָבּער דערפֿאַר אַ שטילער, מישט זיך ניט אַהין וואו מע דאַרף ניט... וועט קומען די צײַט, וועט ער מִסְתָּמָא חֲתוּנָה האָבּען, ווערען אַ מענטש... דער אַנדערער איז זעהר אַ וואוילער, איז ער אָבּער אַ „צעניסט", אַ פֿײַעריגער „צעניסט"!

פֶּעסִיל. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.) אַי-אַי-אַי! ווי קומט עס צו-נ-איך?

מַלְכָּה. לאָס איך אַזוי וויסען שלעכטס מיט דיר אינאײנעם!... למאי וואָלאָדי? פֿון וואַנען קומט צו מיר אַזאַ וואָלאָדי? דער וואָלאָדי האָט אויף זיך אַ קאָפּ, וואָס מע זאָל אויספֿאָהרען די גאַנצע וועלט! ער האָט איהם ליעב דאָס חַיּוּת, מײַן מֵאיר הײַסט עס... ער זאָל אָבּער הערען, וואָס דער וואָלאָדי רעדט! ער זאָל וויסען, וואָס דער וואָלאָדי טהוּט! (בּייגט זיך צו צו פּעסלען אויפ'ן אויהער) ער לערענט זיך שיסען...

פֶּעסִיל. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, שמוּצערט מיט די ליפּען) דער אויבּערשטער זאָל שוֹמֵר וּמַצִיל זײַן, פּונקט דאָס אײגענע, וואָס בּײַ אונז. בּאַלד עֶפּיס, שיסען זיי!...

מַלְכָּה. אײן שטיקעל נַחַת וואָלט איך געהאַט פֿון מײַן קלענערער טאָכטער, פֿון מײַן חַנָה'לען, קוים דערלעבּט אַ שדוּך

טהון, אונ נאָךְ וואָס אַ שדוּךְ! משה'לע זייַדענשטאַמער־דער ערשטער יתום בייַ אונז! אונ אַ חתן־אַזאַ יאָהר אויף מיר, אַ שטיק גאָלד, האָסט דאָךְ איהם געזעהען!

פֶּעסִיל. אַ בּאַרליאַנט דאָס איז! קיין עין הרע קיין בייז אויג!

מַלְכָּה. איז אָבער מיין מזל אַזוי גרויס, אַז זי וויל נישט חתונה האָבען.

פֶּעסִיל. וועה איז מיר! וואָס הייסט זי וויל ניט חתונה האָבען?

מַלְכָּה. זי וויל זיך לערנען וויל זי... מיינסט זי איז ווינציג געלערענט? געלערענט מיט סכנת נפשות! נאָר וואָס דען? פאַר איהר קאַרג, זאָגט זי, זי וויל נאָך! מַטְעֶנֶה איך מיט איהר: נו, אונ די חתונה? זאָגט זי: די חתונה וועט מעגען זיין שפּעטער מיט עטליכע יאָהר... דו הערסט? אַ גליק, הערסט דו, וואָס ער, מאיר הייסט עס, ווייסט נישט דערפון. ער ווייסט גאר נישט, מע בעהאַלט פון איהם, מע האָט פאַר איהם דרך־ארץ, פאַרט אַ מאַנסביל! אַ מאַנספּאַרשוין! (עס פליהט אריין ווי א וויבער מאשקע, גלייך צו דער מוטער.)

נֵיינְטֶע סְצֶענֶע.

מַאשְׁקֶע. מאַמע, געלד! געלד, מאַמע! דאַוואַי דיענגי!

מַלְכָּה. (צו דער קעשעני) שאַ! וואָס פאַר געלד? אויף וואָס איז געלד?

מַאשְׁקֶע. אויף וואָס! (טראכט אביסעל) אויף... טינט!

מַלְכָּה. טינט? קאַרג טינט אין שטוב, טאַטעניו? ערשט נעכטען געקויפט אַ פלאַש טינט! ווער טרינקט אוים אַזוי פיעל טינט?

מַאשְׁקֶע. נו, פענעס!

מַלְכָּה. פאַרשטעהט זיך, אַז ניט קיין טינט איז פענעס.

פֶּעסִיל. אַט דאָס איז אייער מיזיניקעל, לעבען זאָל ער? אַבּאַרליאַנט דאָס איז, קיין עין הרע, קיין בייז אויג! (מלכה צעהלט

איהם געלד, פעסיל שאקילט מיט'ן קאפ, מאכט גרימאסען; סאשקע אונטער איהרע פלייצעס מאכט איהר נאך. מלכה ווינקט צו איהם ער זאל אוועקגעהן. סאשקע אנטלויפט. עס לויפט אריין מאשע דאס שטובמיידיל מיט איין איבערגעשראקען פנים.)

צעהנטע סצענע.

מאשע. געקוּמען אַ הער דער נאַדזיראַטעל מיט'ן „טשעסנע פריסטעוו״ ... אַ פולער הויף ... אַרומגערינגעלט די גאַנצע שטוב אַרום און אַרום...

מַלְכָּה. (א פליעסק מיט די הענד) אַ דונער האָט מיך דער־שלאָגען! (לאזט זיך אין יענעם חדר, וואו די קינדער, פאלט חלשות.)

פעסיל. (ווארפט זיך צו מלכה'ן) גאָט איז מיט אייך, מַלְכָּה'ניו; האַרצעניו! נְשָׁמָה'ניו! וואַסער! גיכערט! ברייַנגט אַהערצו וואַסער!...

(עס הערט זיך א רעש אין יענעם צימער וואו קליינוואַרג איז. —גיך שפרינגט ארויס פון דארטען אראנטשיק, בלאס ווי דער טויט, לויפט ארום ווי א פארסמטער איבער'ן זאל; אלע טיהרע; זענען צו ••• רעדט צו זיך אליין:)

אַראַנטשיק. מע דאַרף זיך בעצייַטענס אָפּטראָגען פון דאַנען... וואָס האָב איך דאָ צו טהון?... נישט מַחֲמַת איך האָב מוֹרָא! וואָס האָב איך מוֹרָא? נאָר גאָר נישט איך האָב עס פייַנט!...

(שפרינגט ארויס דורכ'ן פענסטער.)

סוֹף פוּנ'ם צווייטען אַקט.

דְרִיטֶער אַקְט.

(די זעלבע דעקאראציע וואס אין ערשטען אקט. — מ א י ר געהט ארום צעטראגען, די הענד ארונטער. — מ ל כ ה אין א פארוק אוג אין ברילען זיצט איבער אגראבען קרבן־מנחה אוג דאוועגט שטילערהייד מיט א פרום פארוויינט פנים, מישט איין בלעטיל נאכ'ן אנדערען.)

עֶרְשְׁטֶע סְצֶענֶע.

מֵאִיר. יאָ, פַּיין פַּיין ... האָסט זִיךְ שׁעֶן אויסגעֶפַּייִנט, מֵאִיר שָׁאלאַנט, שׁעֶן! ... דִי טאָכְטער אַנטלאָפֶּען־אוּג מִיט וועֶמעֶן? מִיט עֶפֶּעס אַ נאַקעֶטעֶן פראָוויזאָר, צִי אַ צֶעהנרַייסעֶר אַ דאַנטִיסט, דעֶר רוּחַ ווייסט זַיי דאָרטעֶן! אוּג דעֶר זוהן זִיצט... (שטעלט זיך אפּ א ווײלע, ברעכט די הענט) אוּג וועֶר אִיז שׁוּלדִיג אַז נִיט דוּ?

מַלְכָּה. (דאוועגט) אִיךְ

מֵאִיר. וועֶר דעֶנן? אִיךְ?

מַלְכָּה. נוּ, לאָז זַיין אִיךְ.

מֵאִיר. זאָג אֶפְשַׁר אַז נַיין? דוּ בִּיזט דאָךְ דִי מאַמעֶ

מַלְכָּה. נוּ, יאָ, אִיךְ בִּין אַ מאַמעֶ. (דאוועגט)

מֵאִיר. וועֶר דאַרף אַכְטוּנג געֶבעֶן אויף קִינדעֶר, אַז נִיט דִי מאַמעֶ? אַ מאַמעֶ בעֶדאַרף צוּ ווִיסעֶן וואָס בַּיי אִיהרעֶ קִינדעֶר קאָכְט זִיךְ, אַלסדִינג, אַלסדִינג בעֶדאַרף אַ מאַמעֶ ווִיסעֶן! (שרייט אלע מאל העכער.)

מַלְכָּה. בִּיזט געֶרעֶכְט, געֶרעֶכְט. אַלסדִינג בעֶדאַרף אַ מאַמעֶ ווִיסעֶן. נאָר וואָס דעֶנן? אַיין זאַךְ ווֶעל אִיךְ פוּן דִיר בעֶטעֶן: אָהן

געשריי, טאקי דער אייגענער גוואלד, נאר אביסעלע שטילער, לאז חאטש די גאס נישט וויסען אונזער אומגליק!

מֵאִיר. א סוד פאר גאנץ בראד!... – עס וויסט שוין מסתמא פון דעם די גאנצע שטאדט פון איין עק ביז'ן אנדערען עק... אזא–נ–אומגליק! אזא בזיון! וואס וועט מען זאגען? שען געלערענט קינדער! (שטעלט זיך אב, טהוט א זעץ מיט דער האנד אין טיש.) מַלְכָּה!

מַלְכָּה. (טהוט זיך אווארף) הא? וואס איז דיר?

מֵאִיר. דו דאוועגסט? די טאכטער דיינע שפאצירט ארום ערגיץ דער רוח ווייסט מיט וועמען! דער זוהן זיצט גאט ווייסט וואו אונ מיט וועמען, אונ דו דאווענסט?

מַלְכָּה. איך דאווען, וואס דען? אזוי ווי דו? אזוי ווי איהר, וואס האט אוועק געווארפען דאס דאווענען מיט'ן גאנצען יודישקייט? אליין געווארען אוים יוד, אונ די קינדער געמאכט פאר גוים... מאיר! מיר האבען פארזינדיגט פאר גאט, מאיר, בעדארף מען איהם דאווענען. דאווענען דארף מען איהם!...

מֵאִיר. נו, דאווען, דאווען; געזונדערהייד; ווער לאזט דיך ניט... (געהט ארום) אויף איין טאג נאר ארויסגעפאהרען אין וואלד– וואס דא טהוט זיך! איין איבערקערעניש! מע בעדארף עפעס טהון... לויפען... שרייבען... בעטען... שיטען געלד... ראטעווען א קינד... אזא קינד! איך וועל נישט זיצען דא בשעת ער וועט זיין דארטען, גאט ווייסט וואו אונ מיט וועמען!... (חאפט זיך פאר'ן קאפ) מע דארף שרייבען א בריעף, א פראשעניע... וואו זענען ערגיץ די קינדער? וואו איז מאטוויי?

מַלְכָּה. (דאווענט) מאטוויי איז ניטא.

מֵאִיר. וואס הייסט ער איז ניטא? וואו איז ער?

מַלְכָּה. איך וויים וואו ער איז?

מֵאִיר. ווער דען ווייס? ביזט א מאמע, צי ניין? וואו איז מאטוויי, פרעג איך דיך?

מַלְכָּה. שאַ, שרײַ נאָר ניט אַזוי, מע וועט פון דיר ניט גליקליך... איך בעדאַרף וויסען וואו מאַטווײַ איז! מע פרעגט בײַ מיר, צי מע דערצעהלט מיר? ביזט נאָר אַוועקגעפאָהרען פון דער־הײם, קוק איך איהם נישט אָן אין די אויגען!

מֵאִיר. (אויסער זיך) האַ? וואָס? דרײַ מְעֵת לְעֵת?! וואו זענען דײַנע אויגען? אַ קינד געהט אַוועק אויף דרײַ מְעֵת לְעֵת פון שטוב, — עס זאָל זי אַפילו אַנהויבען אַרען! זי זאָל דאָס אַפילו פרעג טהון, וואָהין מע געהט! וואָס פאַר אַ מאַמע ביזט דו, פרעג איך דיך? ביזט אַ מאַמע, צי ניין?

מַלְכָּה. טשעפּע זיך אָפּ, איך בעט דיך! — וואָס פאַר אַ מאַמע בין איך דיר, אַז מע הערט מיך ווי דעם הונד, פונ'ם גרעסטען ביז'ן קלענסטען! וואָס פאַר אַ מאַמע בין איך אײַך, אַז איהר אַלע לאַכט פון מיר, מאַכט מיך מיט דער בלאָטע גלײַך? וואָס פאַר אַ מאַמע קאָן איך שוין זײַן. אַז דו אַלײן האָסט זײ געלערענט פון קינדווײַז אויף שטעלען דער מאַמע אַ פײַג? אַלײן געמאַכט אַ הֶל פון די קינדער אונ טשעפּעט זיך! וואָס? זאָג אֶפְשַׁר אַז ניין?

מֵאִיר. גוט-גוט. ביזט גערעכט, גערעכט... וואו איז חַיִים? (שרייט: „חיים!" „חיים!", עס קומט אריין חיים.)

צְווייטע סצענע

מֵאִיר. ווייסט ניט, וואו איז ערגיץ מאַטווײַ דעם דריטען טאָג?

חַיִים. פון וואַנען זאָל איך וויסען?

מֵאִיר. וואָס הייסט פון וואַנען זאָלסט דו וויסען? ער קעהר דיר דאָכט מיר אַזוי אָן אַ ברודער ווי דו איהם? צי ניין?

חַיִים. אַ ברודער קעהר ער מיר אָן, נאָר וואו ער איז ווייס איך נישט.

מַלְכָּה. וואָס ווילסט דו פונ'ם קינד? פון וואַנען זאָל ער וויסען?

מֵאִיר . פַאר וואָס זאָל ער נישט וויסען ? פאַר וואָס ווייסט ער צו מאַכען סאָבראַניעס מיט זאַסעדאַניעס, אַז איך פאָהר אַוועק ? וואָס הערט זיך עפּעס מיט דיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ? (צו חיים׳ן איראניש .)

חַיִים . מיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ? אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל איז אַזוי מיינס ווי דיינס .

מֵאִיר . געוויס ! (מיט גיפט) רעכענסט אֶפְשַׁר אין גיכען טאקי זיך דורכפאָהרען אַהינצו, האַ ?

חַיִים . פאַר וואָס ניט ?

מֵאִיר . און טאקי אין איין וועגס דאָרטען בלייבען זיצען ?

חַיִים . מיט׳ן גרעסטען כָּבוֹד .

מֵאִיר . (צום ווייב) מַלְכָּה, דו הערסט ?

מַלְכָּה . ווייס איך וואָס אַ קינד פּלאַפּעלט !

מֵאִיר . (צו חיים׳ן) וואָס רעכענסט דו אַ שטייגער דאָרטען צו טהון כְּדוֹמֶה לְמָשָׁל ?

חַיִים . דאָס וואָס אַלע קאָלאָניסטען : בעאַרבייטען די ערד , פלאַנצען בוימער, וויינגערטנער .

מֵאִיר . (צום ווייב) מַלְכָּה, דו הערסט ? (נעמט חיים׳ס האנד) ער וועט גראָבען ערד ! פלאַנצען בוימער ; חאַ–חאַ–חאַ ! וואָס זאָגסט דו אויף דעם ערד גראָבער ? אויף דעם בוימערפלאַנצער ?

מַלְכָּה . ווייס איך וואָס קינדער פּלאַפּלען !

מֵאִיר . (מיט כעס צום ווייב) בְּהֵמָה ! יענער רעדט ווערטער , און זי זאָגט (קרימט זי איבער) קינדער פּלאַפּלען ! ... (צו חיים׳ן) זאָג מיר נאַר, זוהניו , קיין שענערע פַּרְנָסָה האָסטו דיר שוין גאָר נישט געקאָנט געפונען, אַחוץ ערד גראָבען און בוימער פלאַנצען ?

חַיִים . מיט וואָס איז ערדאַרבייט מָאוּס׳ער , ווי זיין דעם פְּרִיץ׳ם אַ יוד ? מיט וואָס איז קויפען און פאַרקויפען וואָלד אין גָלוּת שענער , ווי פלאַנצען בוימער ביי זיך אין דערהיים, אין׳ם אייגענעם לאַנד , צווישען אייגענע ברידער און שוועסטער ?

מֵאִיר . (צו מלכה׳ן) דו הערסט ! איך האָב איהם גאָר קיין מאָל ניט געהאָרכט אַזוי רעדען . (צו חיים׳ן איראניש .) ווען זשע

רעכענסט דו מאכען די רייזע, אם ירצה השם, אין א גוטער שעה?

חיים. אפילו היינטיגען טאג... מע דארף פריהער דאס פאלק ריהרען פונ'ם ארט, צוגרייטען אונזערע ארעמע ברידער, די ארבייטער.

מאיר. ביזט דו דאס פון די דאזיגע וואס ריהרען דאס פאלק? פון די דאזיגע, וואס גרייטען צו די ארעמע ברידער?

חיים. ווער דען? איהר, וואס זענט שטענדיג פארנומען נאר מיט אייער געלד און נאר מיט אייערע געשעפטען? צי אזעלכע ווי מאטוויי, וואס איז פארנומען מיט זיך אליין? צי אפשר זיידענשטאמער מיט זיינע קינדער?...

מאיר. ביזט דו דאס מחויב זיך אננעהמען די קריוודע פון אלע ארעמע לייט? ווי געפעלט עס דיר!

חיים. מחויב זענען מיר אלע, ווארום מיר אלע זענען קינדער פונ'ם ארעמען יודישען פאלק. וואס ליידעט שוין באלד צוויי טויזענד יאהר און וואס האט ערשט ניט לאנג אויפגעוואכט פונ'ם שווערען מורא'דיגען שלאף, ערשט ניט לאנג אויפגעעפענט די אויגען און דערזעהען, וואו ער איז אין דער וועלט.

מאיר. וואס איז דאס מיט אייך געווארען אזעלכעס? איך מיין דיך... וואלאדין... חנה'ן... איך האב קיין מאל נישט געהערט פון אייך אזעלכע ווערטער!

חיים. ווארום האסט זיך קיין מאל ניט אינטערעסירט, מיט אונז קיין מאל ניט גערעדט פון אזעלכע עסקים...

מאיר. אזעלכע עסקים? וואס פאר עסקים ביי אייך? ווי קומט צו אייך ייסקים? דער-מיט ציוניזם! יענער-מיט ביכלעך! וואס פאר ביכלעך האט מען דאס געפונען ביי וואלאדין? דו מוזט דאך וויסען! אפשר וועט מען עפעס קאנען טהון? ראטעווען איהם?

חיים. איך האב דיר שוין געזאגט, אז איך קאן דיר ליידער גאר נישט זאגען, וואס מיט וואלאדין איז געוועהן, ווארום איך מיט וואלאדין געהען אין פארשיעדענע וועגען...

חַיִים. אִיטלִיבֿעֶן מאָלט זִיךְ אוֹיס, אַז עֶר גֶערֶהט אִין רעֶכטעֶן וועֶג...

מֵאִיר. אַזאַ יאָהר אוֹיף אַלעֶ מַיינעֶ שׂוֹנְאִים אֵיינעֶר בעֶסעֶר פוּנ'ם אַנדעֶרעֶן! דִי עֶלטעֶרעֶ זעֶנעֶן אַוועֶק דעֶר שוואַרץ יאָהר ווייסט וואָהין; האָב אִיךְ גֶערעֶכעֶנט פוּן אַיךְ חאָשט אַ שטִיקעֶל נַחַת; צוּם סוֹף האָבעֶן זֵיי זִיךְ גֶענוּמעֶן צוּ פרעֶמדעֶ עֲסָקִים גאָר! גֶעשעֶפעֶן!

חַיִים. (מיט פייער) פאַר וואָס עֶפִּים פרעֶמדעֶ? ס'אִיז אֵייגעֶנעֶ, נִיט קֵיין פרעֶמדעֶ! וועֶמעֶן שלאָגט מעֶן? אֵייגעֶנעֶ צוּ פרעֶמדעֶ? וועֶמעֶנס ברִידעֶר לַיידעֶן? אֵייגעֶנעֶ צוּ פרעֶמדעֶ? צוּ מֵיינסט, אַז אַלסדִינג, וואָס קוּמט פאַר אַצִינד בַּיי יוּרעֶן, מֵיינט מעֶן דאָס יעֶנעֶם נִיט דִיךְ?

מֵאִיר. (ארויס פון די כלים) שטִיל זאָל זַיין, דוּ שנעֶק אֵיינעֶר! אָט אַזוֹי רעֶדט מעֶן מִיט אַ טאַטעֶן?! (לאזט זיך צו איהם.)

מַלְכָּה. (שטעלט זיך אוועק אין מיטען) מֵאִיר! זאָל אִיךְ שלעֶכטס האָבעֶן, זאָל אִיךְ שטאַרבעֶן, אוֹיב דוּ ווֶעסט מִיר אָנרִיהרעֶן אַ קִינד!

(עס עפענט זיך די טהיר און עס קומט אריין בעני מיט'ן זאנטיק. חיים געהט אפ.)

דְרִיטֶע סְצֶענֶע.

בֶּענִי. (מאכט א „בואי בשלום") אַ גוּטעֶר מאָרגעֶן זאָל אַייךְ זַיין, רֶב מֵאִיר אַ גוּטעֶר מאָרגעֶן זאָל אַייךְ זַיין מַלְכָּה אַ גוּטעֶר מאָרגעֶן זאָל אַייךְ זַיין בֵּיידעֶן; וואָס הערט זִיךְ, וואָס מאַכעֶן עֶפּעֶס אַייעֶרעֶ... דאָס? (קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען) אַייעֶרעֶ קִינדעֶר מֵיין אִיךְ?

מֵאִיר. גוּט מאָרגעֶן גוּט יאָהר; זִיצט, וואָס מאַכט אַ יוּד?

בֶּענִי. עֶט! וואָס זאָלעֶן מִיר מאַכעֶן? (זעצט זיך אוועק) נִישט גוּט דאָס הֵייסט ס'וואָלט גֶעוועֶן גוּט מעֶ זאָל פאַרדִיענעֶן... פאַרדִיענט זִיךְ אָבעֶר נִיט, אִיז שלעֶכט... גוּט אִיז אַייךְ, אַז אִיהר זִיצט זִיךְ קֵיין עַיִן הָרַע מִיט אַייעֶר אַלטעֶטשקעֶ אוּנ מִיט אַייעֶרעֶ קִינדעֶרלִיךְ קֵיין עַיִן הָרַע, ווִי שטעֶהט דאָרט גֶעשרִיבעֶן בַּיי אוּנז

האַ? אֶשְׁתְּךָ-דַיין ווייבּ, כְּגֶפֶן-ווי אַ ווייַנשטאָק, פּוֹרִיָה-וואָס זי פּריכּפּערט זיך, בָּנִים-די קינדער, כִּשְׁתִילֵי זֵיתִים-ווי די אייל-בּירט צווייַגען, סָבִיב לְשׁוּלְחָנֶךָ-רינגלען זיי אַרום דייַן טיש. (קוקט זיך ארום וואו זענען זיי ערגיץ אייַערע דאָס?... די קינדער מייַן איך?

מֵאִיר. קוקט אויף מלכה'ן, מלכה דאוועגט) וואָס איז דען? וואָס דאַרפט איהר זיי?

בֶּעני. וואָס איך דאַרף זיי? גלאַט אַזוי; איך זעה מע זעהט זיי ניט,-פרעג איך... גראַטענע קינדער בּייַ אייַך, קיין עַיִן הָרָע, איינס בּעסער פונ'ם אַנדערען. ס'איז נאָר, הערט איהר, אַ מַזָּל. דער נָגִיד, זאָגט מען, האָט גליק צו אַלסדינג, אֲפִילוּ צו קינדער... די עלטערע איז בּייַ אייַך, קיין עַיִן הָרָע, אַ פּאַרשוין, שאַדע וואָס זי זיצט בּייַ אייַך אַזוי לאַנג, אַ דאָס, איין אַלְמָנָה מיין איך, איך האָבּ שוין וויפיל מאָל געוואָלט צו אייַך אַרייַנגעהן שמוּעסען מִכֹּחַ... איך האָבּ פון איהרעטוועגען אַ דאָס, אַ שִׁדּוּךְ מיין איך, וויל זי ניט, האָבּ איך געהערט זאָגען, חֲתוּנָה האָבען דורך אַ דאָס, דורך אַ שַׁדְּכָן הייסט עס... (קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען) וואו איז זי ערגיץ אייַערע עלטערע דאָס, די טאָכטער מיין איך?

מֵאִיר. (קוקט זיך איבער מיט מלכה'ן) וואָס איז דען? וואָס דאַרפט איהר זי?

בֶּעני. גלאַט אַזוי, איך זעה מע זעהט זי נישט,-פרעג איך... נאָר פאַר וואָס ער האָט ניט חֲתוּנָה-דאָס קאָן איך שוין ניט פאַרשטעהן. איך מיין אייַער עלטערען דאָס, דעם זוהן מיין איך... דעם פריזיוו האָט ער שוין בָּרוּךְ הַשֵּׁם געפּטֻּרט לאַנג, קומט איהם שוין דאַכט זיך אַ דאָס, אַ כַּלָּה מיין איך? שאַדע וואָס מע טרעפט איהם קיין מאָל נישט אין דערהיים... (קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען) וואו איז ערגיץ אייַער עלטערער דאָס, אייַער זוהן מיין איך?

מֵאִיר. וואָס איז דען? איהר דאַרפט איהם עפּעס?

בֶּעני. אויף וואָס דאַרף איך איהם? גלאַט אַזוי, איך זעה

מע זעהט איהם ניט, — פֿרעג איך. זעהט איהר, דער אַנדערער, דער איז בײַ אײַך גאָר אַ געראָטענער... דער חסרון וואָס ער איז אַ דאָס, אַ ציוניסט מײַן איך. דאָס הײַסט קײַן חסרון איז דאָס נישט; אַדרבה, ס'איז גאָר אַ מעלה. אײדער ליגען אין די קלובען אונ שפּילען אין קאָרטען איז שוין גלײַכער זײַן אַ דאָס, אַ ציוניסט מײַן איך... מײַנע קינדער אַלײן זענען אויך ציוניסטען, חאָטש סע געפעלט מיר ניט דער דאָס... דער געדאַנק מײַן איך. דאָס הײַסט געפעלען געפעלט עס מיר, פֿאַר וואָס זאָל ער מיר ניט געפעלען? אַדרבה זעהר שען פֿון זײער זײַט, וואָס זײ פֿאַרנעמען זיך מיט אַ זעלכע זאַכען, זאָרגען זיך פֿאַר'ן דאָס, פֿאַר'ן כּלל הײַסט דאָס, דער חסרון, וואָס מע רעדט צופֿיעל... אָט בין איך געוועזען אַנומעלטען אויף אַ דאָס, אײַן אַסיפה הײַסט עס; האָט אײַער זוהן געהאַלטען אַ דאָס, אַ דרשה מײַן איך, צוקער זיס!... דער דריטער אײַערער איז אויך אַ גוטער שקאָץ! נאָר דאַכט מיר שוין ניט קײַן דאָס, קײַן ציוניסט מײַן איך? מסתּמא ווײסט איהר דאָך בעסער וואָס ער איז?... אַ חברה מאַן איז ער אַגוטער! ער קען זיך מיט אַלע דאָס, חברה לײַט מײַן איך... (קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען.) וואו איז ער ערגיץ אײַער דאָסיגער דאָס, יונגערער זוהן מײַן איך?

מאיר. וואָס פֿרעגט איהר זיך אַזוי נאָך? איהר דאַרפֿט איהם דען?

בעני. וואָס איז שײַך איך דאַרף איהם? גלאַט אַזוי, איך זעה מע זעהט איהם ניט, — פֿרעג איך... אײַן אויסגעשפּיעלטע, זאָגט מען, איז בײַ אײַך די קלײנע, אָט די וואָס מיט די געשערענע דאָס, האָר מײַן איך... אַ מאַנסבילשער קאָפּ אויף איהר, זאָגט מען; אונ אַ קענערין—אַ שאַר-פּע! אונ נעמט א דאָס, אַ חתן מײַן איך, אויך זעהר אַ געראָטענעם... אונ חאָטש איך בין דאָ קײַן שדכן ניט געוועזען אונ קײַן געלד בײַ אײַך נישט פֿאַרדיענט, נאָר פֿון דעסטוועגען קאָן מען פֿונ'ם אמת ניט אַ וועקגעהן, איהר האָט מיט'ן דאָזיגען שידוך ניט שלעכט געדאָסט, געטראָפֿען מײַן איך...

ווָארום לָאמִיר זִיךְ נִיט נַארֶען, אִיהר זָענט טַאקִי אַ יוּד אַיין עוֹשֶׁר קֵיין עַיִן הָרַע, מֶע קָאן זָאגֶען אַ גְבִיר, חָאטשׁ אִיךְ הָאבּ אַיירֶער גֶעלד נִישט גֶעצֶעהלט ... נָאר ווִי קוּמט אִיהר צוּ רֶב משֶׁה׳לִי זַיידֶענשטָאמֶער? יֶענֶער אִיז אַיינגֶעטוּנקֶען אִין דָאס, אִין יִחוּס מַיין אִיךְ ... דֶער חִסָרוֹן, ווָאס עֶר נֶעהמט זִיךְ שׁוֹין צוּפִיעל אִיבֶּער, אוּנ פַארגֶעסט, אַז טָאמֶער זָענט אִיהר נִישט אַזאַ גרוֹיסֶער יַחְסָן, גִיט אִיהר אָבֶּער דֶערפַאר אַיירֶער קִינד אַסךְ דָאס, נָדָן מַיין אִיךְ ... ווָאוּ אִיז זִי עֶרגִיץ (קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען) אַיירֶער קלֶענֶערֶע דָאס, טָאכטֶער מַיין אִיךְ?

מֵאִיר. אוֹיף ווָאס קָאנט אִיהר זִי אַ שׁטֵייגֶער דַארפֶען?

בֶּענִי. אִיךְ? חַס וְשָׁלוֹם! גְלַאט אַזוֹי, אִיךְ זֶעה מֶע זֶעהט זִי נִיט, — פְרֶעג אִיךְ ... דָאס הֵייסט, אַז מֶע ווִיל שׁמוּעֶסֶען דָאס אַייגֶענֶע צוּרִיק, בֶּעדַארף אִיךְ גְרַאדֶע צוּ אִיהר יָא הָאבֶּען. דָאס הֵייסט, אִיךְ הָאבּ צוּ אִיהר אַ שׁטִיקֶעל דָאס, אַ בְּרִיעף הֵייסט עֶס...

מֵאִיר. אַ בְּרִיעף? פוּן ווֶעמֶען אִיז אַ בְּרִיעף?

בֶּענִי. עֶס רֶעדט זִיךְ אַזוֹי אַ בְּרִיעף. טַאקִי פוּן אִיהם, פוּן אַיירֶער דָאס, פוּנ׳ם מְחוּתָּן מַיין אִיךְ.

מֵאִיר אונ מַלְכָּה. פוּנ׳ם מְחוּתָּן?

בֶּענִי. (נעהמט ארויס פון דער אונטערשטער קעשענע א פאפיר) עֶר הָאט מִיךְ גֶעבֶּעטֶען, אִיךְ זָאל אַייךְ אִיבֶּערגֶעבֶּען, אַזוֹי ווִי אַיירֶער דָאס, טָאכטֶער הֵייסט עֶס, הָאט נִישט אִין זִינֶען אַפִילוּ צוּ טְרַאכטֶען מִכֹּחַ דָאס, חֲתוּנָה הֵייסט עֶס, זִי ווִיל גָאר פָאהרֶען אוֹיף דִי דָאס, אוֹיף דִי קוּרסֶען הֵייסט עֶס, זָאל זִי פָאהרֶען, זָאגט עֶר, גֶעזוּנדערהֵייד ... אוּנ אַזוֹי ווִי מִיט אַיירֶער עֶלטֶערֶער טָאכטֶער דִי גְרוּשָׁה הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען אַ מַעֲשֶׂה... אוּנ אַיירֶער זוּהן הָאט מֶען אַיינגֶעזֶעצט אִין דָאס, אִין טוּרמֶע הֵייסט עֶס, אוּנ דִי גַאנצֶע שׁטָאדט, זָאגט עֶר, הַאלט אַייךְ אִין דִי דָאס, אִין דִי מַיילֶער הֵייסט עֶס; לָכֵן בֶּעט עֶר, אִיהר זָאלט קֵיין פַאראִיבֶּעל נִיט הָאבֶּען אוּנ זָאלט מוֹחֵל זַיין אִיבֶּערגֶעבֶּען אַיירֶער דָאס, אַיירֶער טָאכטֶער

הײסט עס, איהרע דאס, איהרע תּנאים הײסט עס. (גיט איבער מאיר'ן דאס פּאפּיר.)

מֵאִיר. (אויסער זיך פאר כעס) מַלְכָּה! דו הערס? (צעקנײטשט די תּנאים אין די הענד) גערט זאגט איהם אײער גרויסן יַחְסָן אַז איך לאך פון זײן באָבע! איך דארף איהם אויף זײַבענטויזענד כַּפָּרוֹת מיזטײַן גאַנצען יִחוּס! זאגט איהם, לאזט ער נאָר נישט פארגעסען אָפּשיקען דאס בּיסעל צוהרונג, די מַתָּנוֹת, און טאקי הײנט! און אַז איהר זענט שוין יאָ אַט שׁילאַנטענשמַש, אַט גערט זשע טאקי פון דאַנען גלײַך אַהין, און טאקי באלד, און טאקי שוין! (װײזט איהם אויף דער טיהר.)

בֶּענִי. וואס דארפט זײַן אַזוי דאַסיג? איך בין דאך נישט מעהר ווי אַ דאס, אַ שָׁלִיחַ מײַן איך. מע זאָגט מיר, איך זאָל דאַסען, דאס איך, מײַן איך, איך זאָל גערן, גערט איך...

מֵאִיר. דאס זשע געזונדערהײד! (בעני רוקט זיך ארויס פון דער טיהר מיט א זײטעל.)

פִּירְטֶע סְצֶענֶע.

מֵאִיר. (צו מלכה'ן) נו? דו שווײַגסט?

מַלְכָּה. (קוקט אין סידור אריין) וואס זאל איך שרײַען?

מֵאִיר. וואס זאלסט דו שרײַען פרעגסט דו? אַוַדאי דארף מען שרײַען! אין אלע גאסען דארף מען אויסשרײַען! קינדער זאלען אַזוי מוטשען אַ טאטען! וואו זענען די קינדער אלע? חַנָּה! חַיִּים! וואו זענט איהר?!

מַלְכָּה. שאַ! מע וועט זיך דאך טאקי צוזאַמענלויפען פון דער גאַס!

מֵאִיר. לאַז מען לויפען! לאַז מען זעהען, וואס קינדער טהוען מיט אַ אַטען! נישטאָ זײט? נישטאָ די קינדער? נישטאָ קײַן קינדער, מַלְכָּה! נישטאָ! צעלאַפען זיך, ווי די מײַז צעלאַפען זיך!

מַלְכָּה. צעזעייט אונ צעשפרייט אויף אַלע זיבען ימין...

(עס קומט אריין חנה, קוקט אויפ'ן פאטער אונ אויף דער מוטער.)

פינפטע סצענע.

חַנָּה. פאפא!... דער מְחוּתָּן האט אפגעשיקט די תְּנָאִים?... כ'האב שוין געהערט. ס'איז אֱמֶת?

מֵאִיר. א גְדוּלָה אויף דער באבע! וואס זשע ביזט דו אזוי לעבעדיג?

חַנָּה. וואס זשע? וויינען זאל איך?

מֵאִיר. ניין, טאנצען דארף מען. מע דארף געהן א פריילכס! זאג מיר חַנָּה, וואס טהוט זיך עס מיט אייך? חָתָן כַּלָּה איז ביי אייך עפעס שפיעלעכלעך, צי וואס?

חַנָּה. — ס'איז ביי אייך שפילעכלעך, נישט ביי אונז. אייך האט זיך געגלוסט צו שרוך טהון מיט משה'לע זיידענשטאמער, איינקויפען זיך אין יחוס. עס איז אייך דענן איינגעפאלען איהר זאלט פרעגען מיך, צי געפעלט מיר זיידענשטאמערס זוהן? אבי נאט האט אייך געהאלפען איהר האט א שענעם מְחוּתָּן... אייער מְחוּתָּן איז א נידעריגער מענש! ער האנדעלט מיט יחוס ווי מיט אֶתְרוֹגִים. אנשטאדט דעם וואס ער זאל קומען דיך טרייסטען אין דיין אומגליק, וואס אונז האט געטראפען, האט ער אונז אפגעשיקט די תְּנָאִים. איך דאנק איהם זעהר אונ זעהר, וואס איך בין פָּטוּר געווארען פון א חָתָן, וואס טראגט בריליאנטענע פינגערלעך אונ שרייבט פעטיציעס. איצינד בין איך פריי אונ קאן מיר פאהרען לערנען.

מֵאִיר. (צו מלכה'ן) דו הערסט? זי איז פריי!... זי קאן פאהרען לערנען!..

מַלְכָּה. ווייס איך וואס א קינד פלאפעלט.

חַנָּה. ניין, מאמע, איך פלאפער נישט. איך רעד ערענסטע ווערטער.

מֵאִיר. וואָהין איינגעטליך פאָהרסט דו הייסט עס, אויב מע קאָן וויסען?

חַנָה. קיין בערן פאָהר איך. דאָ נעהמט מען נישט צו, מוז מען פאָהרען אין דער פרעמד.

מֵאִיר. (צו מלכהן) דו הערסט ווערטער? קיין בעריל פאָהרט זי. דאָ איז פאַר איהר ווינציג תּוֹרָה, דארף מען פאָהרען אַזש קיין... ווי אַזוי הייסט עס?

חַנָה. בערן.

מֵאִיר. בעריל! זעהר שען, א שענער נאָמען, דו-קיין בעריל אונ חַיִים קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

חַנָה. איך גיב נישט אָפּ קיין דין וְחֶשְׁבּוֹן פאַר חַיִים'ן אונ חַיִים פאַר מיר. איטליכער פאַר זיך.

מֵאִיר. (זינגט) די אייגענע ווערטער האָב איך געהערט פון חַיִים'ן. איטליכער פאַר זיך, איטליכער פאַר זיך, נו אונ פאַר אונז ווער? אונ פאַר ווען מיר? איהר קעהרט אונז עֲפִּים אַן שטיקלעך אייגענע, צו ניין. איהר זענט אונזערע קינדער צו ניין??.

חַנָה. אייערע.

מֵאִיר. אונ מיר זענען אייערע פאָטער אונ מוטער. צו ניין?.

חַנָה. אונזערע.

מֵאִיר. האָבען מיר עֲפִּים אויף אייך צו שאַפען, צו ניין? ווי מיינסט דו אַשטייגער?.

חַנָה. איך מיין, אַז אַמענש אויף אַמענשען קאָן נישט האָבען צו שאַפען.

מֵאִיר. נישט דאָס מיין איך. איך מיין, צו קאָנען מיר אייך זאָגען, לְמָשָׁל, דאָס מעגט איהר אונ דאָס ניט? דאָס ווילען מיר אונ דאָס ניט?.

חַנָה. ניין איהר קאָנט ניט.

מֵאִיר. נֵיין? מִיר קֶאנְעֶן נִיט? דוּ הֶערְסְט, מַלְכָּה, וואָס דִי טאָכטער דַיינֶע זאָגט? מִיר קֶאנְעֶן נִישְׁט! מִיר האָבִּין נִישְׁט אוֹיף זֵיי קֵיין שׁוּם דֵעָה; קֵיין שׁוּם שְׁלִיטָה!

מַלְכָּה. ווייס אִיךְ, וואָס אַ קִינְד פְלאַפּעֶלט!

מֵאִיר. (לאזט אוים דאס הארץ צו מלכה'ן) בְּהֵמָה וואָס דוּ בִּיזְט! יֶענֶע רעֶדט, ווי אֵיין אַלטעֶר, ווי אַ בַּר דַעַת, און זִי: ווי אַ קִינְד פְּלאַ.עֶלט! (קרימט איהר איבער) (צו חנה'ן) זאָגסט דוּ, הֵייסְט דאָס, אַז נאָךְ דֵיין שֵׂכֶל נאָךְ קוּמְט אוֹיס, אַז מִיר מִיט אֵייךְ קֶערֶען זִיךְ גאָר נִישְׁט אָן, לַחֲלוּטִין גאָר נִישְׁט? אִיהר וֶוענְט זִיךְ-אִיהר, און מִיר וֶוענְעֶן זִיךְ-מִיר?...

חַנָּה. ווער זאָגט דאָס דֶענְן? אִיהר וֶוענְט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערֶען, און מִיר וֶוענְעֶן אֵייעֶרֶע קִינְדעֶר, וואָס וֶוענְעֶן פֶערְפְלִיכְטעֶט הַאלְטֶע אֵייךְ בְּכָבוֹד, לִיעֶב האָבִּין און...

מַלְכָּה. (אויפגעלעבט) נוּ יאָ, ווי מִיר זאָגְעֶן אַלְעֶ אִין דֶער-פְרִיה: „אִיךְ ווֶעל פאָלְגֶען אַלְסדִינְג, וואָס דֶער טאַטֶע הֵייסְט, וואָס דִי מאַמֶע הֵייסְט, וואָס גוּטֶע פְרוּמֶע לַייט הֵייסְעֶן"...

מֵאִיר. (רייסט איהר איבער, לייגט צונויף ביידע הענד קוקט ארויף) אַ בְּרָכָה הַצְלָחָה זאָל קוּמֶען אוֹיף מֵיין קֶעפֶּעלִי! אָמֵן סֶלָה... אַ וַדַאי ווֶעט זִי דִיךְ בַּאלד פאָלְגֶען! דוּ זֶעהְסְט נִיט?

חַנָּה. אַבִּי נאָר אַ גְלַייבֶּע זאַךְ פַאר וואָס נִיט?

מֵאִיר. גוּט, לְמָשָׁל, אַז מִיר ווֶעלֶען דִיר זאָגִין: חַנֶה'לֶע, פאָהר נִיט אַהִינְצוּ אִין יֶענֶער שְׁטאָדְט, ווֶעסְט דוּ דאָךְ מִסְתָּמָא דַוְקָא יאָ פאָהרעֶן?

חַנָּה. אַוַדַאי, וואָרוּם אִין דֶעם הֶענְגְט אָפּ דאָס גאַנְצֶע לֶעבֶּען מֵיינְס!

מֵאִיר. פַארשְׁטֶעהְט זִיךְ! וואָרוּם ווי קאָן מֶען גאָר לֶעבֶּען אוֹיף דֶער ווֶעלְט, אַז מֶע פאָהרְט נִיט אַוועֶק אַהִין... ווי אַזוֹי הֵייסְט דִי שְׁטאָדְט?

חַנָּה. בֶּערְן.

מאיר. בעריל. און דיין ברודער חיים מוז פאהרען קיין ארץ ישראל פלאנצען, וויינגערטנער?.

הנה. איך האב דיר שוין געזאגט, אז איטליבער פאר זיך.

מאיר. פארשטעהט זיך, איטליבער פאר זיך, דער קיין בעריל, דער קיין ארץ ישראל, דער וועט זיצען אין טורמע, דער וועט גלאט פארפאלען ווערין אויף דריי מעת לעת, און די וועט לויפען אין דער וועלט אריין — הכלל איטליבער וואהין די אויגען וועלען איהם טראגען. (צו מלכה'ן) נו, און מיר מלכה? מיר וועלען זיך בלייבען דא אינצווייען, ווי זאגט ער: „דיר טא באבא", די קינדער אלע באווארענט, וועמען הערען מיר (לאכט מיט גאל) חא חא חא! (צו חנה'ן) ווי אזוי רעכענסט דו, למשל, פון וועמענס וועגען איז דאס אט דאס אלעס, דאס גאנצע פארמעגען מיט'ן גאנצען געלד? איך מיין נישט איצטער, איך מיין שפעטער, איבער הונדערט צוואנציג יאהר?.

הנה. א מענש כל זמן ער לעבט דארף ער זארגען כאטש לעבען ניט פאר'ן טוידט.

מאיר. ביזט קלוג טאקי נאר ווי שלמה המלך, כלעבען. לכן וואלט איך וועלען, זאלסט מיך קלאהר מאכען, פון וועמענס וועגען אייגענטליך האבען מיר דאס גאנצע לעבען געהארעוועט, אויסגעריבען געווארען, אפט מאל נישט דערשלאפען, נישט דערעסען, אסך מאל געליטען בזיונות, הכלל זיך מפקיר געווען, געקליבען א קערבעל צו א קערבעל — אייך נאכגעגעבען אלסדינג, וואס אייער הארץ געלוסט בבדי איהר זאלט זיך אויפהויבען אין א שענעם פריהמארגען, דערקריכען זיך דער אהער דער אהין, און אונז איבערלאזען אליין, עלענד, אהן א זייגעוונד, ווי מע זאגט (מלכה בייגט זיך אן איבער'ן סידר און וויינט שטילער הייד.)

חנה. (געהט צו צו איהר, נעהמט זי ארום, קושט זי) מאמע, ווי נישט, איך קאן נישט זעהן ווי דו וויינסט.

מאיר. דו קענסט ניט זעהען ווי זי וויינט, און אז איך קאן

ניִשט שלאָפֿען קיין נעכט, פֿון זינט מע האָט צוגענומען וואַלאָדין. וואָס איהר ווילט אֲפִילוּ ניט זאָגען מיר פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען? אַלץ איהר? אַלץ פֿון אײַערטוועגען?...

חַנָה. וואָס זשֶׁע ווילסט דו, פּאַפּאַ?, אַז צו ליבּ דיר זאָל די זונן אויפֿהערען וואַרעמען די ערד, נאָר פֿארקעהרט?... דו ווילסט, אַז צו ליבּ דיר, זאָל די גאַנצע נאַטור זיך איבּערבּײַטען, און קינדער זאָלען ווערען צוגעוואַכסען צו זייערע עלטערען, ווי צווייַגען צו־נ׳אַ בּוים?—ניט הַיינט, איז מאָרגען, שיידען זיך מוז מען דאָך אַמאָל!

מֵאִיר רעדסט ווי אַ בַּר דַעַת, לאָם איך האָבּען אַזאַ יאָהר... נאָר אַלץ הייסט בּײַ דיר שיידען זיך? שיידען זיך הייסט בּײַ מיר, אַז קינדער האָבּען חֲתוּנָה, בּאַזעצען זיך ווי מענשען, דער בּײַ אַזאַ אַ געשעפֿט, דער בּײַ אַזאַ געשעפֿט... אָבּער ניט אַזוֹ ווי מיר. אויף מיר איז עפּיס אַיין אויסנאָם... (רעדט מיט א וויינענדיג פֿארדומפֿען קול.) אַ גאָטס שטראָף אויף מיר... איוֹבּ׳ס צָרוֹת... און וְעַל כֻּלָם אָט דער וואָלאָדי האָט מיר גאָר דעם קאָפּ אַראָפּ גענומען!.. איך ווייס גאָר ניט, ווי איך האַלט דאָס אוים... (ווישט זיך די אויגען. מלכה וויינט. אויף איהר קוקענדיג אויך חנה. פּאַוזע דויערט א מינוט.).

מֵאִיר. (נעמט חנה׳ן פֿאר א האנד, ציהט זי צו צו זיך. חנה קושט איהם.) זאָג מיר צו, טאָכטער מײַנע, זאָג מיר צו, אַז דו וועסט ניט פֿאָהרין אַהין...

חַנָה. (ראנגעלט זיך מיט זיך א ווײַלע) ניין פּאַפּאַ! ניין! אַלסדינג יאָ, אַלסדינג וועסט דו בּײַ מיר פּועל׳ן, נאָר דאָס נישט, דאָס נישט, איך מוּז פֿאָהרען! איך קאָן נישט! איך קאָן נישט זײַן דאָ מעהר, אין דער דאָזיגער שטוּב!...

מֵאִיר. (שפּרינגט אפּ) האַ! דו קאָנסט ניט זײַן דאָ מעהר. אין דער ד אָ ז י ג ע ר שטוּבּ? מַלְכָּה! דו הערסט? זי קאָן ניט זײַן דאָ מעהר, זאָגט זי, אין דער ד אָ ז י ג ע ר שטוּבּ! ס׳איז

אִיהר דאָ אײַנג , ס'איז זײ דאָ אַלעמען מיט אַמאָל געװאָרען אײַנג. אין דער דאָזיגער שטוב ! . . . (חאפט זיך אויף, שרייט מיט כעס;) שוין לאַנג, אַז ס'איז אײַך נִמאָס געװאָרען די דאָזיגע שטוב ? ! ...

מַלְכָּה . (שטעלט זיך אוועק צווישען פאטער און צווישען דער טאכטער)

מֵאִיר ! . . . (חנה געהט אפ , עס פליהט אריין סאשקע מיט א גדולה)

פִינְפְטֶע סְצֶענֶע .

סַאשְׁקֶע . דו װײסט , מאַמע ? מע האָט דאָך מיר טאַקי געבראַכט צופיהרען אַ הונד ! אוי זאָלסט זעהען װאָסער אַ הונד ! געב מיר , מאַמע , געלד ! האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט , אַז מע װעט מיר קויפען אַ הונד !

מַלְכָּה (װינקט צו איהם ער זאל אוועקגעהן) אָט האָסט דו דיר די אַנדערע טעג יוֹם טוֹב !

מֵאִיר . (אין כעס פון פריהער) װאָס פאַר הינט ?

סַאשְׁקֶע . אַ מאָפּס אײַן אֶמֶתר מאָפּס !

מֵאִיר . איך װעל דיר געבען אַ מאָפּס ! הינט פעלט דאָ נאָך אין דער דאָזיגער שטוב ! אַװעק , דו װעװריק , דו פּידסװיניק אײנער! װאָן ! ! ! ...

סַאשְׁקֶע . אויב אַזוי געה איך גאָר זיך טרינקען ! (אנטלויפט .)

מֵאִיר . (שרייט איהם נאך) טרינקען ? טרינק זיך ! הייעג זיך ! הײנגט זיך אַלע ! אַלע זאָלט איהר זיך אויפהײנגען אויף אײן שטריקעל ! אַזעלכע קינדער , װי איהר זאָלען גאָר ניט געבאָהרען װערען !... (מלכה וויל זיך לאזען לויפען נאך סאשקען : מאיר האלט זי אפ) שאַ ! לויף ניט ! ציטער ניט ! האָב קײן מוֹרא ניט פאַר'ן מיזיניקעל ! עס װעט איהם גאָר ניט זײַן דעם קַדיש דײַנעם ! . . . (עס קומט אריין מאשע דאם דינסט מיידיל) .

זיבעטע סצענע.

מאשע. דא איז געקומען צוגעהן א מענטש פון גראנדהא־טעל זאגען, מע זאל אייך זאגען, אז דער פריץ, דער גראף הייסט עס, איז געקומען צו פארען אין גראנדהאטעל הייסט עס. אונ ער רופט אייך, דער פריץ, דער גראף הייסט עס, איהר זאלט באלד קומען צו געהן אהינצו, אין גראנדהאטעל הייסט עס.

מאיר. הא וואס? דער פריץ? דער גראף איז גערו..ן צו פאהרען? וואס זשע שווייגט איהר? דאס אנטהון גיט אהער! די שטיוועל! דאס הוטעל! גיכערט! דער פריץ! דער גראף איז געקומען צו פאהרין, אונ איהר שווייגט!? (ער ווארפט זיך אויף אלע זייטען. מע טראגט איהם צו דאס אנטהון. ער שלעפט אויף זיך די מלבושים, טרעפט ניט וואו מע דארף אונ ווערד נאך מעהר צו טראגען אונ נאך מעהר אין כעס.) בהמות! פערד!! וואס שטעהט איהר ווי די טאקען? פאר וואס העלפט איהר מיר ניט אנטהון זיך? איהר הערט דאך, אז דער פריץ, דער גראף איז געקומען צו פאהרען, דער גראף! דער גראף!! ... (זיך אנגעטאהן, לאזט ער זיך צו דער טיהר אונ בלייבט שטעהן מיט׳ן צילענדער א ווײלע ווי פארטראכט) מלכה! (רייבט זיך אין שטערען.) וואס האב איך דיר געוואלט זאגען? איך האב דיר עפיס געוואלט זאגען ... (דערמאנט זיך) אונ וואלאדי זיצט? ... אונ די איבעריגע קינדער? ...

מלכה. צעזעיט אונ צעשפרייט אויף אלע זיבען — ימין ...

מאיר. הא? וואס זאגסט דו? מלכה! וואו זענען אונזערע קינדער? ... (פאלט צו אינ׳ם גאנצען אנטוהען צום טיש אונ וויינט)

מלכה. (לויפט צו צו איהם אין שרעק) מאיר! גאט איז מיט דיר! מאיר!! ... —